בס״ד

# המספיק גאזעט

נייעס און אינפארמאציע פון די אגענטור און געזונטהייט באריכטן

Mar. '16 · No. 137 · אדר תשע״ו

מרבים בשמחה:

## המספיק שטעלט ערשטע טריט אין ״מענטל העלט״: אגענטור באשטעטיגט אלס ״ביהעיוויארעל העלט האר״פ״ פראוויידער

### אין היסטארישע בשורה טובה פאר יהדות ניו יארק דערגרייכט ״מרכז עזרה לצרכי הציבור״ פרישע ספעקטרומען מיט ערשטע מענטל-העלט איניציאטיוו - סטעיט באשטעטיגט המספיק צוצושטעלן ״האום ענד קאמיוניטי בעיסד סערוויסעס״ פאר ערנסטע מענטל-העלט באנוצער אונטער ״האר״פ״ - המספיק און קינגס קאונטי פירט דורך ערשטע פראבעס ב״ה מיט גרעסטע הצלחה - פראגראם אין ראקלענד קאונטי און ארומיגן ראיאן גייט בעז״ה אריין אין עפעקט קומענדיגן תשרי תשע״ז הבעל״ט

״קליינע טריט״ האבן זעלטן ווען געטראגן אזא גרויסן באדייט ווי ביי דעם יעצטיגן אריינטריט פון המספיק, די פירנדע צענטער פאר העלט און יומען סערוויסעס ביים חרדי׳שן ציבור אין ניו יארק, אין די וועלט פון מענטל העלט.

די געשיכטע פון ״המספיק״ אלס מרכז עזרה לצרכי הציבור איז ארויף א היסטארישן שטאפל ווען די אגענטור איז באשטעטיגט געווארן דורך ניו יארק סטעיט, צוצושטעלן ״האום ענד קאמיוניטי בעיסד סערוויסעס״ פאר זעלטן-ערנסטע שוואכקייטן אין בריאות הנפש.

די הילף איז טאקע נוגע גאר א קליינעם פראצענט פונעם עולם, אבער די פרייד ארום דעם איז צווייפאכיג. איינס – אז די געקליבענע געניסער וועלן בעז״ה באקומען די שענסטע און בעסטע הארציגסטע הילף אנצוקומען פון טיפן קלעם רח״ל צו א העכסט בכבוד׳יגע און פראדוקטיווע לעבן, מיט אידיש טעם און שלימות, נוסח המספיק. נו, כל המקיים נפש אחת מישראל, וואס דארף מען מער פון דעם?

אבער ביים ברייטערן ציבור ווערט די אנטוויקלונג אויך נאכגעפאלגט מיט אינטערעסע. עס ברענגט א שיין פון א נייע ליכטיגקייט אין די וועלט פון ״מענטל העלט״ בכלל. טאקע נישט קיין מעכטיגע צענטערן אין די נאנטע וואכן, אבער אן ערנסטן טריט אין דעם ריכטונג. שטייט גייט מען ווייט.

אלזא, ניו יארק׳ע אידן א מזל טוב, המספיק האט אראפגעשטעלט דעם ערשטן פוס אין מענטל העלט, און די פלענער אויף ווייטער ווירבלען אונטער די קוליסן.

אין די פאסיגע צייט, סמוך ונראה צו ראש חודש אדר א׳, האט המספיק ערהאלטן דעם ׳פתשגן הכתב׳, אן אפיציעלער בריוו פון אלבאני, אז דער פרישער איניציאטיוו איז באשטעטיגט דורך די סטעיט. דערמיט איז בחסדי הבורא פארווירקליכט געווארן דער ערשטער טייל אינעם חלום, שטרעבונג און לעכצונג, אויף וואס די אגענטור האט לאנג און אינטענסיוו געארבעט און גע׳שתדל׳ט. אלזא, א ריכטיגע ״מרבים בשמחה״ להלכה ולמעשה.

די ערשטע האנט מיט הילף וואס המספיק שטרעקט אויס אין פעלד פון מענטל העלט, באשטייט פון אן איניציאטיוו וועלכעס וועט בעז״ה צושטעלן א ברייטע אויסוואל, פראקטישע, זאכליכע און נויטיגע, חיזוק, טאט, ראט און מעדיצינישע באהאנדלונגען פאר מענטשן וועלכע גייען אדורך זעלטן ערנסטע עמאציאנאלע שוועריקייטן אין לעבן. המספיק וועט סערווירן א ליסטע מענטל העלט געברויכן אונטער א פרישע סטעיט-וועיווער באקאנט אלס ״האַר״פ.״ א דעטאלירטע ערקלערונג איבער ״האַר״פ״ זעט אין באזונדערע קעסטל.

#### לאחינו בני ישראל

ווען די סטעיט האט אויסגעשפרייט די פלענער איבער דעם פרישן איניציאטיוו, האט המספיק אריינגעגעבן אן אפליקאציע צו סערווירן ״ביהעיוויארעל-העלט האום ענד קאמיוניטי בעיסד סערוויסעס״, צו ברענגען בס״ד פאר אחינו בני ישראל הנתונים בצרה ערשטקלאסישע פראפעסיאנאלע הילף, מיט אידיש טעם, חן, הארץ געפיל און שלימות, און דאדורך דערגרייכן בעז״ה די בעסטע רעזולטאטן – מאפילה לאור גדול.

דער געברויך פאר א היימישע צענטער פאר ערנסטע מענטל-העלט פראבלעמען איז שוין לאנגע יארן קענטליך ביי אונזער ציבור. דער גרויסער געברויך נעמט זיך פון פילע אונטערליגנדע אורזאכן, טייל דערפון פארבינדן מיט די אמאליגע – היינט שוין ב״ה היבש פארקלענערטע – ״סטיגמע״ וואס באגלייט זעלישע שוואכקייטן.

אין רעאקציע צו די צוריק געהאלטנקייט פון זוכן און באקומען די בעסטע שטאפלען פון טעראפי און העלט קעיר, קומט אפט אויס אז די

(פארזעצונג אויף זייט 16)

עבודת הקודש:

## טויזנטער אפעלירן קיין אלבאני צו ערמעגליכן נאן-פראפיטס זאלן קענען העכערן געהאלט פאר דירעקט-קעיר שטאב

### גאווערנער קאומא׳ס $15 מינימום געהאלט פלאן באגריסט דורך נאן-פראפיט אגענטורן מיט ענטוזיאזם - פארלאנג ווערט קריטיש ארויסגעברענגט די סטעיט זאל צולייגן צום בודזשעט

״דער קרוין פון די אגענטור,״ איז מען געוואוינט צו הערן אין המספיק, ״דאס זענען די הונדערטער ״דירעקט סופארט״ שטאב מיטגלידער וועלכע זענען ביי די טישלעך און בעטלעך פון די קינדער אין די היימען און דעי העב פראגראמען, ארויסגעשפרייט איבער אלע חרדי״שע געגנטער פון ניו יארק.״ זיי דינען אלס די ״פראנט ליניע״ סאלדאטן פון די המספיק הילף ארמיי, די וואס אלע אפיס איינגעשטעלטע זענען בלויז זייערע פארשטייער פאר די נויטיגע פונקציעס אז די ארבייט זאל קענען ווערן אויסגעפירט.

ווייל אין אמת׳ן אריין, ווער זענען טאקע די אמת׳דיגע סטעף, די וואס וואשן און ווישן, פיטערן און קליידן, גלעטן און בארואיגן, טראגן צום דאקטאר און צום קבלת פנים. מען דארף נאר האבן מעינטענענס, דירעקטארס, בוכהאלטערס, סופערווייזערס, סערוויס קאארדינעיטארס, מענעדזשערס, געהילפן, אז די ״דירעקט סופארט״ ארמיי זאל קענען אויספירן זייער צענטראלע מיסיע.

יעדן טאג, זיבן אזייגער אינדערפרי הייבט זיך אן א לאנגע קייט פון ריכטיגע עבודות קשות שבמקדש פאר די געטרייע ״דירעקט סופארט פראפעשאנעל״ שטאב מיטגלידער וועלכע געבן זיך דירעקט אפ מיט די צאן קדשים, די הייליגע נשמה׳לעך.

יונגלעך, בחורים און מיידלעך מיט אוטיזם, סערבאל פאלסי, דאון סינדראם אדער עטליכע צוזאמען, באקומען געטרייע פלעגונג און הילף צו דערגרייכן דאס מאקסימום זעלבסטשטענדיגקייט. מיט גרויס הארעוואניע לערנט מען זיי וויאזוי צו טון וואס פאר אנדערע קומט אן נאטורליך.

עס איז א פאסטן וואס ברענגט מיט זיך א היבשע אחריות, מ׳דארף ווערן באשטעטיגט דורך די סטעיט און אדורך גיין כסדר׳דיגע טרענירונגען. מיט די כסדר׳דיגע רעפארמאציעס אינעם פעלד פון ספעציעלע הילף דארפן זיי וויסן און אויספירן א ביבליאטעק מיט רעגולאציעס יעדן איינציגן טאג, און דאס אלעס ווערט געטון דורך די המספיק שטאב געטון מיט׳ן גרעסטן מאס הארץ און געפיל אויף אן אומדערהערטן פארנעם.

אבער דער געהאלט, וויפיל בלוט און שווייס די אגענטור האט שוין אריינגעלייגט דערין... דאס געהאלט פון די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש ווערט געצאלט דורך די רעגירונג וועלכע הייבט עס אן ביים קלענסטן מינימום.

גאווערנער קאומא וויל דאס אצינד ענדליך טוישן דורך הייבן די מינימום געהאלט פאר יעדן אין אפסטעיט ניו

(פארזעצונג אויף זייט 27)

די סמעטענע...


מרבים בשמחה.................34

מינימום ווערדזש.................1

האסט א פראבלעם?...........22

פאעזיע..........................30

המספיק קעיר גאזעט..........24

שבת מנוחה 2#................19

קאווע טובה ומתוקה...........12

בליצן..........................14

אויפ׳ן ניכטערן מאגן.........22

עקסעם טו האום................36

צענטראלע אינטעיק.............2


HAMASPIK GAZETTE

Published and © Copyright Mar. '16 by: NYSHA Inc.

58 Rt. 59 Suite 1 / Monsey NY 10952 / Tel 845.503.0212 / Fax 845.503.1212

For all "mailing matters" call ONLY our special number 718-513-2260

Non Profit Org.
US Postage
PAID
Monsey NY
# 141

זה השער:

# המספיק "צענטראלע אינטעיק" עפנט רעגירונגס-הילף טויערן פאר נייע און אלטע בענעפיטירער

נאך אן ערפאלגרייכע "פראנט דאור" סעסיע אפגעראכטן געווארן אין ראקלענד קאונטי - "אינטעיק" איינס אין דער וועלט העכערט קוואליטעט און קוואנטיטעט פון סערוויסעס לאחינו בני ישראל - ערשטע רוף פאר סיי וועלכע המספיק "ספעציעלע-הילף" גייט דורך "צענטראל אינטעיק"

דער אויסוואל און ברייטקייט פון העלט און יומען סערוויסעס פראגראמען אונטער המספיק, איבערהויפט אין די געגנטער פון אפסטעיט ניו יארק, האט ב"ה גענאסן פון א באדייטנדע צאל פארמערטע סערוויסעס פאר לאנגיעריגע און פרישע קליענטן, אדאנק א סעריע ערפאלגרייכע "פראנט דאור סימפאזיומס".

די לעצטע רונדע אין די וויכטיגע סימפאזיומס דורך המספיק אין ניו יארק סטעיט איז פארגעקומען אין מאנסי, וואו צענדליגער משפחה מיטגלידער, סטעף און דיסעביליטי אדוואקאטן האבן אנטייל גענומען. דער סימפאזיום איז פארגעקומען אינעם פראכטפולן "המספיק טערעס" זאל אין די אגענטור'ס הויפטקווארטיר אין הארץ פון מאנסי.

דער "פראנט דאור" סימפאזיום פראיעקט איז אנגעפירט געווארן דורך די חשובע מרת טרעס תחי', "אינטעיק" קאארדינעיטאר פון המספיק אין אפסטעיט. די פאזיציע פון מרת טרעס אינערהאלב המספיק, איז פון די סאמע הייקעלע און שווערסטע פאזיציעס איבער המספיק. ענטפערן דעם ערשטן טעלעפאן רוף פון א פארפאלק וועלכעס איז פארטרויעט געווארן מיט א ספעציעלע מתנה פון הימל.

## א מתנה... וואו הייבט מען אן?

"צענטראלע אינטעיק" איז דער געלונגענער סיסטעם וואס המספיק האט אוועקגעשטעלט אז "אלע" הילפסרופן גייען אדורך איין "צענטראלע אינטעיק" אפיס פאר אלע המספיק ספעציעלע-געברויכן פראגראמען, אן אויסנאם. דער אפרוף איז ב"ה זייער פאזיטיוו ביי אלע משפחות שיחיו.

אין שפיץ פונעם "צענטראל אינטעיק" אפיס שטייט די העכסט ערפארענע און געטרייע מרת טרעס תחי', א מאמע און באבע מיט די ריכטיגע געפיל, אויער און הארץ אויפצונעמען סיי וועלכע הילפסרוף, אן עבודה קשה שבמקדש וואס זי טוט שוין לאנגע יארן אין המספיק, מיט רעזולטאטן וואס קענען ניטאמאל געשילדערט ווערן.

איבערהויפט איז נישט קיין זעלטענע זאך צו הערן פון עלטערן שיחיו, וועלכע האבן זיך געשפירט עטוואס צומישט אין די ערשטע מאמענטן נאכ'ן ערהאלטן א ספעציעלע מתנה פון הימל, אז דער שמועס מיט מרת טרעס תחי' איז די ערשטע בארואיגונגס מיטל צו געבן חיזוק און קוראזש פאר די משפחה. אויב עס פעלט אויס צעגערט מרת טרעס נישט קיין מינוט פאר'ן אריבערגיין פערזענליך באזוכן די עלטערן פונעם קינד און אלעס הארציג ערקלערן, און נאכמער, אויסהערן און מיטשפירן.

דאס איז "אינטעיק" – ווען המספיק שטייט מיט אפענע ארעמעס און אידיש הארץ צו הערן וואס א א משפחה דארף האבן אין געביט פון ספעציעלע הילף אדער אנדערע סארט העלט קעיר פראגראמען.

דאס פארלוירנקייט וואס קען צומאל באפאלן ווען מען טרעפט זיך אומגערישט מיט א ספעציעל פארטרויעטע שליחות פון הימל איז אומשילדערבאר. א טאטע האט אמאל דערציילט ווי ער איז געשטאנען אין שפיטאל, נאסע אויגן, רוישיגע מחשבות, מיט'ן סעלפאן הילפסלאז אין האנט, "וואס טו איך יעצט? וועם רוף איך ערשט?"

די ספעציעלע ציל פון "אינטעיק" איז געבן די ריכטיגע אויפנאמע פאר א משפחה וואס זוכט הילף. די אינטעיק שטאב מיטגלידער פארשטייען גוט צו א הארציגע "ברוכים הבאים" לויט די אומשטענדן און די געברויכן וואס דארפן אדרעסירט ווערן. זיי פארשטייען גרונטליך וועלכע פראגראמ/ען א משפחה דארף סערווירט ווערן, לויט אלע לעגאלע אנווייזונגען, וויאזוי און צו וואס מען איז בארעכטיגט, אא"וו.

ממילא דאס ערשטע, נאר זיך קענען אויסרעדן צו מרת טרעס תחי' איז א פריוויליגיע וועלכעס עפנט די אויגן אז מען איז נישט אליינס. זי כאפט אן די צארטע הענט פון די משפחה און פירט זיי אריבער דעם גאנצן פראצעס ביז זיי זענען גענצליך גערעקט.

"מיין אויפגאבע איז אדורכצופירן עלטערן ווען זיי גייען אדורך פון די שווערסטע צייטן אין זייער לעבן," ענטפערט מרת טרעס תחי' אויף די פראגע פונעם גאזעט. "עס איז א לענגלעכיגער פראצעס באגלייט מיט היבשע ביוראקראטיע, אבער ווען זיי פארשטייען אלעס, באקומען בס"ד הילף אויף יעדן טריט, און זעען ווי מען ארבעט פאר זיי צו באקומען דאס מערסטע הילף שייך, איז עס פאר זיי א הרחבת הדעת, און צומאל זאגאר א לעבנס-רעטונג.

"די לעצטע פאר וואכן אליינס," לייגט מרת טרעס צו מיט א קרעכץ, "זענען געבוירן געווארן ביים היימישן עולם טעליכע ספעציעלע נשמה'לעך. גאר שווערע פעלער." זי שילדערט ווי שווער עס איז געווען צו טרעפן א וואוינונג פאר א פיצלס וועלכעס האט נישט מער ווי עטליכע וואכן צום לעבן, ה"י.

זי פירט אויס מיט די השגחה פרטית ווי ווען אלע השתדלות האבן זיך געענדיגט, האט זי פלוצים באקומען א טעלעפאן רוף פון אן אידישע אגענטור ספעציעל פאר אזעלכע אומשטענדן ה"י: "מיר האבן באקומען א ליידיגע בעט, איר ווייסט פון איינעם וואס קען עס נוצן?"

"די עלטערן האבן נישט געקענט אהיימטראגן א קינד, וויסנדיג אז זיי וועלן עס מוזן באגלייטן אין עטליכע וואכן. דא ווייסן זיי אז די הייליגע נשמה'לע וועט זיך געפונען אין א ריין אידישע אטמאספערע ביז עס וועט ענדיגן דאס תפקיד און צוריקגיין צום כסא הכבוד."

"המספיק מאכט נישט קיין געלט פון דעם פאל, וויבאלד מיר קענען זיי נישט סערווירן," ערקלערט מרת טרעס, "אבער ווי געשמועסט, מיין

(פארזעצונג אויף זייט 19)

## גייענדיג צום דרוק...

- > באריכט: וואג-פארלוסט אפעראציע נאך די 35 קען פארלענגערן דאס לעבן.
- > סי. ווי. עס. אפטייק נעץ פארשפרעכט $50 מיליאן אויף אנטי-רויכערן פראגראמען פאר יונגערע.
- > דורכשניטליכע "אבאמא קעיר" פרימיומס שטייגט מיט 5 פראצענט.
- > סטעיטס שטופן פאראויס פאר שטרענגערע קאנטראל אויף נארקאטישע פעינקילערס.
- > קאליפארניע הייבט רויכערן און "וועיפן" עלטער פון 18 צו 21.
- > פרייז פאר "גליוויק", נאווארטיס' קענסער דורכברוך מעדיצין, געשטיגן 500% צו איבער $120,000 א יאר.
- > אריבער העלפט שפיטאל בילס ווערן נישט געצאלט דורך פאציענטן.
- > געזונטע הארץ בענעפיטן פון גוט-קאנטראלירטע דייעביטיס קען זיך ציען פאר צענדליגער יארן.
- > דאקטער'ס סימפאטיע הייבט דראסטיש פאציענט צופרידנהייט.
- > שטודיע באשטעטיגט: "אנעסטיזשע" איז נישט פארבינדן מיט לאנג-טערם מענטל שוואכקייטן.
- > טאנצן אדער גארטן פלאנצן שניידן שאנסן פון אלצהיימערס.
- > שווארצע ליידן מער פון נירן פראבלעמען ווי ווייסע מענטשן.
- > צוליב נעגאטיווע קאמפיינס פאבריצירט קאוקא קאולע קלענערע פלעשער: סעילס שטייגן דראמאטיש.
- > פארשער אידענטיפיצירן גענעס פארבינדן מיט ווייס מאכן די האר.
- > קינדער געבוירן אין אויגוסט ווערן מער דיאגנאזירט מיט עי. די. עיטש. די. ווי אנדערע זייער עלטער.
- > פארלירן דעם זכרון - 'דימענשיע' - ווערט אלץ וויניגער, פארשער ווייסן אבער נישט פארוואס.
- > נאך קריסטי וועטאאירט איינמאל, פרובירט ניו דז. נאכאמאל צו הייבן רויכערן עלטער צו 21.
- > טעגליכע נידריגע דאזע אספירין רעדוצירט קענסער ריזיקע. ■




בס"ד
Monsey Chasuna Depot
389 ROUTE 59
845-371-9700
ALL YOUR CHASSUNA NEEDS UNDER ONE ROOF
Furniture: (Italian/USA)
Bedroom
Dining Room
Dinette
Couch
Jewelry:
Chosos Watch
Kallah Watch
Bracelet
Diamond Ring
Wedding Ring
Pearls
Earrings
Sliver:
Menorah
Esrog Box
Becher
Lachter
Houseware:
Pots
Dishes
Cutlery
Utensils
Sewing Notions
Tools
and more.
Small Appliances:
Toaster Oven
Telephone
Iron
Percolater
Hand Blender
Hair Clipper
and more.
Bed Accessories:
Vanity Set
Kitchen/Bath Towels
Shower Curtain
Linen:
Bed linen
Dust Ruffles
Matt. Covers
Pillows
Tablecloths
Comforters
Judaica:
חתן/כלה מחזורים,
ש"ס, טור,
שלחן ערוך,
טליתים, קיטל,
טלית בייטל
שירצל, טיכל
Wholesale Prices | Brand Names | Latest Styles
Monsey Chasuna Depot
389 W. Rt. 59 • Spring Valley, NY 10977
845.371.9700
Hours: Sun. - Thurs. 11:30 - 6:30 / Wed. 11:30 - 9:00
Before you go shopping make sure you see our exclusive items not to be found elswhere

# ליינער'ס גאזעט

■ ■ ■

## לברכה ולא לקללה אין שטוב

**-5593-**

צו די וואס האלטן פאר יאוש, און בפרט בריוו #5401 וועלכער פרעגט וויאזוי מען קען לעבן געשמאק מיט'ן מאן וועלכער האט עי. די. די. און עס זאל זיין 'לברכה ולא לקללה'.

דערווייל האב איך נישט זוכה געווען געקרוינט צו ווערן דורך איינעם מיט א ווייסן כאלאט מיט'ן דיאגנאז פון עי. די. עיטש. די., אבער פרעגט נאר מיינע שכנים אין כולל אויב מ'זעט מיר אויף איין פלאץ מער ווי א האלבע שעה, ווער רעדט פון האלטן קאפ ביים שיעור מער פון 3 מינוט. ליינען א בוך איז יענע אפקומעניש.

פונדעסטוועגן האב איך זיך שוין ב"ה פארהערט עטליכע מקצועות און כ'האף און ארבעט פלייסיג אויף ווייטער בעזהשי"ת. איך בין זיך מחיי מיט מיין עי. די. די. דורך די "קרענק" געב איך א נעם צוזאם אין עטליכע טעג, אלעס וואס מ'האט געלערנט דורכ'ן גאנצן זמן.

ווער רעדט נאך ווען ס'קומט א חתונה אדער ביי הקפות, בין איך ב"ה פון די חבורתא קדישתא וואס ברענגען אריין אביסל שמחה אין די עצמות יבשות! ווער לויפט ארום נאך געלט, טוט אויף פאר אידנס וועגן? ווער איז סענסעטיוו צו א צווייטנ'ס געפיל? מיינס גלייכן.

חשוב'ער יונגערמאן און זיין געטרייע עקרת הבית: אוודאי איז אן עבודה קשה נישט נאכגעשלעפט צו ווערן נאך אלע נסיונות און שוועריקייטן. דער מח איז נישט גרייט אזוי שנעל מקבל צו זיין אז ס'איז באמת דא מעלות — נאך יארן לאנג הערן און חזר'ן, פון זיך און פון אנדערע, אז דו ביזט דער גרעסטער דורכפאל וואס די בריאה האט נאר אמאל פראדוצירט. אבער מיט תפילה און יגיעה קומט מען אן צו א גוואלדיגע לעכטיגקייט, און מען קען בס"ד פירן א הערליך לעבן צו וואס נישט יעדער איז זוכה.

אגב: אויף חולי נפש איז מען מחויב צו גיין צו א מומחה פונקט ווי ביי פיזישע קרענק (כמבואר באריכות בשמונה פרקים להרמב"ם). איינמאל מען הייבט אן ארויסקריכן פונעם פלאנטער, ליגט מער נישט אינעם פלאנטער נאר קאנצענטרירט אייך אין די לעזונג — וויאזוי צו לעבן דאס בעסטע. אנשטאט זיין פארנומען צו ס'הייסט עי. די. די., דזשעי. עף. קעי., ווי. איי. פי. אדער עי. טי. ענד טי., נעמט ענדערש ארויס דעם פארשטויבטן ספר משלי פון די שאפע און כאפט א בליק: "ג-ט האט באשאפן דעם מענטש גלייך, נאר זיי האבן געזוכט אסאך חשבונות. "גאות אדם תשפילנו" — די אייגענע גאוה פונעם מענטש, אז ער מוז זיין דער געשמאקסטער, געלונגסטער, גליקליכסטער און באליבסטער און אז נישט איז ער גארנישט ווערד, דאס ברענגט זיין גאנצע שפלות.

אזויווי ס'איז שוין דא היינט אסאך חבורות קע"ה אפשר איז צייט צו גרינדן א חבורה אויף ספרי מוסר וחסידות, וויאזוי צו בויען די אייגענע סעלף-עסטים און פראדוקטיוויטעט ווי א איד ברויך. מ'וואלט אסאך עגמת נפש געקענט פארמיידן (פארשטייט זיך אז יעדע פאל איז אנדערש — און לויפט נישט אוועק פונעם דאקטער פאר די צייט). אונזער פראבלעם איז וואס טעכנאלאגיע האט אונז געברענגט אין קאפ אז מען דארף זען הצלחה אויף די רגע. מיר דארפן זיך אויסלערנען וויאזוי צו לעבן רואיג ווי מענטשן.

נ. ב. די שורות זענען אויך נאר געשריבן געווארן מכח דעם "קרענק" — און דעריבער ווען מ'זעט א בריוועלע טראכט מען 24 שעה ווי אזוי קען מען יענעם העלפן, און מען שרייבט אפ אן ענטפער.

(-)

■ ■ ■

## א וועג ארויס פון "נעולאסטע"?

**-5594-**

איך בין אויף קימא טריטמענטס און זוך א וועג צו האלטן די ווייסע בלוט צעלן און neutrophils דאס מערסטע באלאנסירט מעגליך. דער דאקטער טענה'ט אז די איינציגסטע לייזונג איז צו נעמען neulasta שאַטס צו הייבן די ווייסע בלוט צעלן, זיי זענען אבער זייער ווייטאגליך. איך פארשטיי אז די שאַטס זענען א חסד פון רבונו של עולם אויב מען מוז עס האבן, אבער אויב איינער האט עפעס אן אנדערע עצה, וואלט איך געווען זייער דאנקבאר פאר די הילף.

(-)

■ ■ ■

## סענסארי, א מחלה?

**-5595-**

אין בריוו #5332 פרעגט איינער איבער סענסארי אישוס, וויל איך בעטן, כ'וואלט געהאט גרויס נוצן ווען איר זאלט שרייבן אן ארטיקל געהעריג פון דעם.

מיין זיבן יעריג מיידל טוט פארשידענע זאכן וועלכע שמעקן פון 'סענסארי אישוס'. איך קווענקל זיך אבער אויב 'סענסארי אישוס' זענען טאקע א פאקטישע פראבלעם וואס מען דארף באהאנדלען? אפשר איז עס סתם אן ענגלישע נאמען פאר א געוואוינהייט, וואס מען דארף אלץ איד, עכ"פ לויט מיין מיינונג, פשוט ארבעטן מיט עבודת המידות!?

איך בין נישט עקסטרעם און פארשטיי אז עס זענען פארהאן זאכן וועלכע מען דארף באמת הילף צו טוישן. בנוגע סענסארי בין איך צומישט. מיין שאלה גייט נאך ברייטער. וויאזוי דיאגנאזירט מען בכלל אויב עפעס איז א מחלה אדער סתם א געוואוינהייט וואס מען זאל מוחל זיין זיך אביסל אויסארבעטן? לויפט עס סתם לויט געפילן פון עפעס א טעראפיסט אדער עפעס טיפער?

יישר כח פון פאראויס,

(-)

**רעדאקציע**: דיאגנאזירן א צושטאנד אויב עס איז א מחלה אדער נישט, און אויב יא וועלכע קאטעגאריע, איז פון די שווערסטע פעלדער אין מעדיצין. סענסארי אישוס איז באזונדער קאנטערווערסיאל. די די. עס. עם. (דייעגנאסטיק ענד סטאטיסטיקל מעניועל אוו מענטל דיסארדערס #5 - ארויסגעגעבן דורך די אמעריקען סייקיעטריק אסאסיעישן און פון די מערסט אנערקענטע 'מפתחות' איבער מענטל העלט אישוס פאר דאקטוירים, רעגירונג, אינשורענס און נאך, אויב א צושטאנד איז א מחלה אדער נישט) און אנדערע אנערקענען עס גראדע נישט אלס דיאגנאזע (אין געוויסע פעלער, שלאגט די די. עס. עם. פאר, אז מעגליך איז עס א סאב-קאטעגאריע פון אנדערע אישוס, ואכמ"ל). גענוג אנדערע האבן אבער א גרויס פעלד אין דעם, צוטיילן עס אין דריי סארטן מחלות מיט טעראפיס, מעדיצינען און מהלכים וויאזוי עס צו באהאנדלען. בנוגע אן אריכות'דיגע קלארע ארטיקל דערויף, איי"ה עוד חזון למועד.

אז איר פרעגט איבער סענסארי סימפטאמען איז וויכטיג צו דערמאנען, אין גאזעט 113 איז געווען אן אריכות'דיגער בריוו אז עס זענען פארהאן פיל קינדער וואס האבן פארשידענע סימפטאמען פון עי. די. / עיטש. / די., "סענסארי אישוס", טיקס, באנעצן בייגאכט אדער בייטאג, שווער צו קאנצענטרירן, זייער סענסיטיוו, און נאך פארשידענע זאכן, און עס איז באמת "פאנדאס". אין גאזעט 104 איז אויך געווען גאר אן אינפארמאטיווער בריוו איבער 'סענסארי' און טעראפיס דערפאר, ומשם תדרשנו.

■ ■ ■

איידער איר שרייבט א

צוואה

פארבינדט אייך מיט

**אברהם שמואל וויינבערגער**

WILL & TRUST CONSULTANT

845-492-9013

**זיך צו פארבינדן מיט די רעדאקציע**

שיקט בריוו (אויך אנאנים) צום ליינערס גאזעט:

Hamaspik Gazette
58 Rt. 59 Suite 1
Monsey NY 10952

פאקס:

**845-503-1212**

*

טעלעפאן נומער פאר אלע פראגעס, ענטפערס אדער קאמענטארן איבער דעם ליינערס גאזעט:

**845-503-0212**

*

באזונדערע שטאב פאר אלע טוישונגען אין אדרעס און פאסט פראבלעמען:

**718-513-2260**

*

אדווערטייזן אין גאזעט וואס ווערט געליינט דורך צענדליגער טויזנטער איבער די וועלט:

**718-266-9742 X 303**

*

צו באקומען דעם גאזעט אויף בליץ-פאסט שיקט אן אימעיל צו:

**SUBSCRIBE@HAMASPIK.ORG**

HAMASPIK
CENTER FOR HUMAN SERVICES
המספיק
מרכז עזרה לצרכי הציבור

# המספיק איז שטענדיג גרייט!

פון די ערשטע טריט ביז די גאלדענע יארן,
**עס קומט אייך דאס בעסטע.**



## HAMASPIK

- Service Coordination (MSC)
- Early Intervention
- Day Habilitation
- Community Habilitation
- At Home Respite
- Respite Services
- Camp Neshuma
- Home Family Care
- ISS Funding (rent subsidy)
- IRA Group Homes

## NYSHA

- Article 16 therapy clinic, providing: Psychiatry, Psychotherapy, Speech therapy, Occupational and Physical therapy, Nutrition, and psychological evaluations.
- Hamaspik Gazette
- Weekend retreats for Parents
- Chol hamoed trips

## HamaspikCare

A Licensed Home Care Services agency providing:

- Home Health Aides
- Personal Care Aides
- Therapy Services
- CDPAP/CDPAS
  (Choose your own aide, can even be family member!)

## HAMASPIK CHOICE

Managed long term care plan (MLTCP) contracted with the State of NY to provide eligible members with community based long term care services and healthcare related products.

1-800-381-3500 / WWW.HAMASPIK.ORG

# ליינער'ס גאלעט

## שלעכטע אטעם ביי קליין קינד

**-5596-**

איך וואלט געוואלט בעטן אויב איינער האט אן עצה פאר א שלעכטע גערוך אין מויל ביי א צען יעריג קינד (bad breath). א גרויסן יישר כח און פיל הצלחה אויף ווייטער.

**רעדאקציע:** לתועלת הרבים, ביטע לאזט אונז וויסן אויב איר האט שוין פרובירט אלעס וואס איז שוין געשטאנען אין גאזעט פאר ערוואקסענע מיט דעם פראבלעם.

■ ■ ■

## "על. אי. די." לעמפלעך

**-5597-**

דעם פארלאפענעם חנוכה זענען מיר געזעצן אין דיינינג רום, שיין באלאכטן מיט די שטארקע נייע "על. אי. די." לעמפלעך, און אינאיינעם געשפילט דריידל. צום ערשטן מאל אין יארן האט די דריידל זיך געדרייט זייער מאדנע. ס'האט זיך אפגעשטעלט אינמיטן דרייען און זיך געדרייט אויף די אנדערע זייט! מיר ווילן וויסן אויב די led לעקטער איז געזונט ווייל ס'האט זיכער צו טון מיט די לעקטער. יישר כח.

**רעדאקציע:** אויב די על. אי. די. לעמפלעך האבן אפעקטירט דעם דריידל ווייסן מיר נישט, אבער איבער זייער זיכערהייט פאר מענטשן טוט זיך גראדע יא א היבשע קאנטערווערסיע. לויט מאנכע קען בעסערס פון דעם נישט זיין אין אלע הינזיכטן, פון די ענווייראנמענט ביז קענסער שטראלן. לויט אנדערע שטעלן די בליי, ארסעניק און נאך א ליסטע שעדליכע סובסטאנצן אין די לעמפלעך, א חשש סכנה אין פאל וואס מען אטעמט עס אריין. כאטש אריינאטעמען שטויב פון א צובראכן לעמפל וועט אפילו לויט די קריטיקירער נישט ברענגען קענסער, לייגט עס אבער אסאך צו צום ארסענאל שעדליכע כעמיקאלן וואס קומען אן אינעם קערפער פון אנדערע קוועלער אין אונזער פארפעסטעטע וועלט און העכערט שטארק די ריזיקע. זיי ראטן דעריבער אויפצורוימען צובראכענע לע"ד לעמפלעך ווי שעדליכע אפפאל, מיט הענטשקעס, מאסקעס און שטרענגע זיכערהייט מאסנאמען. די ווייסע לע"ד לעמפלעך האבן די ווייניגסטע בליי, אבער דאקעגן זענען זיי דאס מערסטע שעדליך פאר די אויגן. אייראפע, קאנאדע און נאך אסאך איבער אזיע פארלאנגען שוין אז די לעמפלעך זאלן נאכקומען געוויסע סטאנדארטן, אבער קוקן דירעקט אויף א לע"ד לעמפל, בפרט די ווייסע, איז שטארק נישט געזונט פאר די ראיי'.

■ ■ ■

## מייסטער שליסל: סארנא

**-5598-**

איך האב געשיקט לעצטנס א בריוו דערציילנדיג ווי גוט די סארנא מעטאד האט מיר ב"ה געהאלפן מיט מיין 'ריפלאקס' פראבלעם. כ'וויל צולייגן א נקודה, אז עס לוינט זיך אויסצולערנען די מהלך, וויבאלד עס איז ווי א מייסטער שליסל. איין ענטפער פאר גאר אסאך פראבלעמען. איך נוץ עס פאר מאגן ברענען, קאפ וויי, הויט פראבלעמען אויף די הענט און פיס, ביינער ווייטאג, מידקייט, פארקילעכטס, און נאך. גוט צו האבן די געצייג אין האנט על כל צרה שלא תבוא.

(-)

■ ■ ■

## "פאליסיטימיע ווערא"

**-5599-**

מיר ווילן אנפרעגן איבער דעם צושטאנד וואס הייסט "פאלי-סיטימיע ווערא" (polycythemia vera), א פראבלעם מיט די רויטע צעלן פון די בלוט וואס ברענגט אן איבערפלוס פון אייראן, הימאגלאבין און פלעיטלעטס.

עס הייסט א כראנישע זאך וואס די איינציגסטע רפואה דערפאר איז לאזן ארויסנעמען בלוט יעדן חודש. מיר ווילן דעריבער וויסן אויב אנדערע האבן ערפארונג און וואס מען האט געטאן דערצו.

■ ■ ■

## פלעקן אין אויג

**-5600-**

מיר ווילן הערן אן עצה פאר א 16 יעריגע מיט פלעקן אין אויג — floaters. עס האט זיך אנגעהויבן מיט א לאך אין די רעטינע (אינערליכע טייל פונעם אויג). מ'האט עס פארראכטן מיט "לעיזער" אבער די פלעקן זענען פארבליבן. ווייסט ווער עפעס צו פארגרינגערן?

אויב איינער האט געהאט גוטע ערפארונג מיט א קינדער רעטינע ספעציאליסט וואס נעמט מעדיקעיד געדעקטע אינשורענס (hmo), ביטע אונז לאזן וויסן.

(-)

■ ■ ■

## עס ארבעט קעגן פאנגוס!

**-5601-**

א ענטפער צו די פראגע פון בריוו 5534 # איבער פאנגוס פלעקן אויפ'ן קערפער: איך האב עס געהאט פאר א לאנגע צייט. געווענליך שפירט מען דאס טאקע נישט, אבער אין די הייסע זומער טעג קען עס קראצן. א באד העלפט בארואיגן.

א לאקאלער דאקטער אין וויליאמסבורג האט מיר געזאגט אז דער פאנגוס הייסט tinea versicolor און מען כאפט עס פון אן אומריינע מקוה. עס איז זייער שווער צו פטור ווערן פון א פאנגוס, און ער האט מיר גארנישט געהאלפן. א צייט שפעטער בין איך געווען ביי אן אנדערן דאקטער און ער האט מיר פארשריבן פון אפטייק א שמירעכץ מיט'ן נאמען selenium sulfide topical suspension usp, lotion. איך האב דאס צוויי מאל גענוצט און שוין דריי חדשים וואס דער פאנגוס איז ב"ה נישטא.

ביטע מפרסם זיין לתועלת הרבים וואס ליידן דערפון (ביי עטליכע מענטשן פארשפרייט זיך עס ארויף ביז צום האלז און גענאק און איז שטארק נישט אנגענעם).

■ ■ ■

**-5602-**

איך וויל געבן אן ענטפער פאר פאנגוס פלעקן, 5534 #: עס איז דא א "שאמפו" וואס העלפט זייער גוט, עס הייסט ketoconazole. מען דארף א רעצעפט פונעם דאקטער דערפאר.

(-)

■ ■ ■

**-5603-**

דר. בלאקשטיין פון פלעטבוש האט פארשריבן פאר פאנגוס selsun blue shampoo פאר צוויי מאל א וואך, געהייסן לאזן ליגן פאר צען מינוט און דערנאך אפוואשן.

(-)

■ ■ ■

**-5604-**

ווי איך האב עטליכע מאל געשריבן אין די אויסגאבע, איז געזויערטע בארשט הילפבאר פאר אלע סארטן הויט פראבלעמען ווי אויך פאנגוס אויף די נעגל. עס נעמט בערך איין וואך ביז 10 טעג צו מאכן.

(-)

■ ■ ■

## קאקאסנוס אויל

**-5605-**

אויף די שאלה פון 5334 # וועגן פאנגוס פלעקן אויפ'ן קערפער: מיר האבן געזען אז נעמען יעדן טאג צוויי לעפלעך "קאקאנאט אויל" העלפט זייער.

(-)

■ ■ ■

## רויטע פנים - "האט פלעשעס"

**-5606-**

אן ענטפער צו 5517 # איבער א פרוי וואס איר פנים ווערט איר פלוצים רויט און פארטרוקנט: אין די מעדיצינישע שפראך הייסט דאס hot flashes, טרעפט זיך ביי פרויען פון בערך העכער 45. עס איז דא א וואונדערליכע רפואה צו דעם גערופן woman tonic. ס'איז געראטן צו רופן די פירמע פאר גענויע אנווייזונגען וויבאלד יעדע פאל איז אנדערש. זייער נומער איז 845-425-5467.

תזכו למצוות פאר דאס ארייינלייגן, עס וועט ארויסהעלפן פיל אידישע פרויען וואס פלאגן זיך דערמיט.

(-)

■ ■ ■

**-5607-**

עס איז מעגליך "האט פלעשעס" וואס קען זיך מאכן בעיקר ביי פרויען אין די מיטעליעריגע יארן. עס וואלט געווען ראטזאם צו זען א דאקטער דערוועגן.

(-)

■ ■ ■

## ענטפער פאר טרוקענע האלז

**-5608-**

אין בריוו 5507 # פרעגט איינער וועגן א טרוקענע האלז אינדערפרי און אז דער נאז איז פארשטאפט צוליב א ווענטל וואס איז נישט אין פלאץ —deviated septum. די צוויי זענען לכאורה פארבינדן — אז די נאז איז פארשטאפט, שלאפט מען מיט אן אפענע מויל און דאס טרוקנט אויס.

איך בין אריבער די זעלבע מעשה, און געהאט אן אפעראציע אויף די "דיוויעיטעד סעפטום" ביי דר. ווערסטרייך, אן אי. ען. טי. כירורג. זיין נומער איז 718-222-0035. עס איז אן "אוטפעישנט" אפעראציע, מ'שלאפט נישט איבער אין שפיטאל און מען ערהוילט זיך שנעל דערפון. זייט די אפעראציע זענעןביידע דערמאנטע פראבלעמען — און נאך — ב"ה געלעזט.

(-)

■ ■ ■

## גוטער דאקטער פאר "באניען"

**-5609-**

איך האב געהאט אויסערגעווענליכע גוטע עקספיריענס פאר א 'באניען' (bunion) מיט דר. ארטור ראזענבוים —א איד מיט א ווארעם הארץ. ער מאכט די אפעראציע אויף זייער א גוטע וועג, אן קיין שפילקעס און אן קיין שרויפן. עס איז היבש גרינגער, היילט זיך שנעלער און איבער אלעם, די רעזולטאטן, פאנטאסטיש. ער נעמט נישט קיין מעדיקעיד אבער אינשורענס נעמט ער יא. זיין נומער איז 212-480-1983, און זיין אפיס געפונט זיך אין דאונטאון מאנהעטן.

(-)

■ ■ ■

## פארמיידן בליסטערס אין מויל

**-5610-**

אין בריוו 5552 # פרעגט איינער איבער בליסטערס אין מויל. איך האב פרובירט די עצה פון נוצן ציינפוץ אן "לאוריעל סאלפעיט" (lauryl sulfate) — געפונען אין געזונטהייט געשעפט, אבער נישט געזען קיין שום פארבעסערונג.

די ווירקזאמסטע מיטל איז עס צו פארמיידן — און דאס דורך נעמען טעגליך (א גאנץ לעבן) טויזנט מ"ג "לייסין" — lysine 1000 mg. (מ'קען אויך נעמען וויטאמין בי. קאמפלעקס 50 יעדן טאג.) אויב עס קומען נאכאלץ בליסטערס, קען שמירן tfh פון mr creams — פון מרת ראזענפעלד ע"ה, עס גוט בארואיגן אדער אויסהיילן. מ'קען עס קויפן אין געזונטהייט געשעפטן.

אויב איר טרעפט נאך עפעס בדוק ומנוסה, אדרבה, ביטע פארעפנטליכן אדער רופן 646-859-9226.

יישר כח,

(-)

■ ■ ■

## טיילענאל פאר בליסטערס?

**-5611-**

בריוו 5443# האט געשריבן אן עצה ארויפצולייגן טיילענאל מיט א באנדאזש אויף בליסטערס. פאר וועלכע סארט בליסטערס העלפט עס? דארף מען אויפברעכן די פילז?

ביטע געבן מער איינצלהייטן, יישר כח.

(-)

■ ■ ■

## זעט גרויס

**-5612-**

איך וויל פרעגן איבער אן עלטערן מענטש וואס האט געהאט א קנייטש (crease) אין די אויג. מען האט געמאכט אן אפעראציע אויפ'ן נעצהייטל (retina). ווי געווארנט פאראויס, זענען די נאכווייען געווען א קאטאראקט. אבער ווען מ'האט אראפגענומען די קאטאראקט האט פאסירט עפעס גאר אומגעריכט. דער פאציענט האט אנגעהויבן זען שרעקליך אומבאקוועם, אלעס וואס ער זעט, ווערט פארגרעסערט עטליכע מאל. זיין צער איז זייער גרויס.

אפשר ווייסט איינער וואס איז דא צו טון דערצו? ביטע אריינשיקן ענטפערס ווי שנעלער. א גרויסן יישר כח פון פאראויס.

(-)

■ ■ ■

## ענטפערס איבער סיינוס אינפעקציע

**-5613-**

אן ענטפער פאר בריוו 5464# וועלכער בעט אן עצה פאר א סיינוס אינפעקציע. איך שפיר אלס פליכט צו שרייבן איבער א רפואה וואס האט מיר אויסגעהיילט דערפון. מיט א יאר צוריק האב איך געהאט א סיינוס אינפעקציע. כ'האב גענומען אנטיביאטיק, אבער נאך צוויי וואכן איז עס געווען צוריק. האב איך גענומען שטארקערע אנטיביאטיק, אבער נאך צוויי וואכן אודך, עס איז נאכאמאל צוריק.

דר. וועלטאן פון 'רפואה העלט סענטער' האט מיר דעמאלטס געראטן איך זאל פרובירן עס אליינס צו באקעמפן אן מעדיצין. ער האט געגעבן עצות אראפצוגיין פון מילכיגס און ווייץ, אבער למעשה האט עס נישט קיין סאך געהאלפן.

צו מאכן א לאנגע מעשה קורץ, האב איך אין ענדע באקומען אן עצה וואס העלפט ווי דער אמת.

יעדן צופרי האב איך גענומען צוויי שטיקלעך קנאבל, צושניטן אויף קליינע שטיקלעך, און מיט ווארימע וואסער עס געשלינגען ווי טאבלעטן.

גלייך דערנאך האב איך גענומען א רעפטל לימענע, צושניטן אין עטליכע דרייעקיגע שטיקלעך, און מיט וואסער אויפגעגעסן. אויך האב איך גענומען טעגליך א טיי-לעפעלע פון טראפן מיט'ן נאמען "ear fluid drops" פון no-nutric — דאס דארף העלפן קעגן סיי וועלכע אנצינדונג וואס איז פארבינדן מיט די אויער, נאז אדער האלז.

צוביסלעך האב איך אנגעפאנגען זיך שפירן בעסער און בעסער. נאך בערך צוויי וואכן האב איך איין טאג געפילט ווי מיין נאז ווערט אנגעפילט, און עס האט אנגעהויבן ארויסצוקומען שליים. אזוי איז געשען יעדע פאר מינוט פאר צוויי גאנצע טעג.

זייט דעמאלטס בין איך ב"ה אינגאנצן אויסגעהיילט. עס איז שוין יעצט א יאר שפעטער, איך האלט זיך נאך אלס צוריק פון מילכיגס, און די אינפעקציע איז ב"ה נישט צוריקגעקומען.

(-)

■ ■ ■

**-5614-**

איך פריי זיך צו ענטפערן פון מיין אייגענע גוטע ערפארונג. איך פלעג אסאך ליידן פון סיינוס אינפעקציעס, אנגעהויבן נאך אלס מיידל. איין תקופה בין איך געווען אויף שטארקע אנטיביאטיק כאטש פיר מאל א יאר.

געווענליך פלעגט זיך עס אנהייבן מיט א 'פאסט נעיזל דריפ' וואס האט געברענגט די אנגעלייגטקייט, הוס און קאפ וויי. דאס האט זיך געקענט ציען וואכן לאנג, ווען די קאפ שמערצן גייען פון שלעכט צו ערגער ביז כ'האב מער נישט געקענט אויפהייבן מיין קאפ פון קישן. שפעטער, אלס מאמע, זענען די סימפטאמען געווארן אסאך ערגער. צוליב מיינע אומשטענדן האב איך נישט געקענט נעמען סיינוס טיילענאל אדער ענליכע אנטי-אנגעלייגטקייט מעדיצינען, און איך בין געווען הילפסלאז.

ענדליך בין איך אנגעקומען צו א גרויסן אי. ען. טי. דאקטער וועלכער האט מיר געראטן צו נוצן א 'סיינוס שווענקער' — sinus rinse פון די פירמע neil mad. עס איז א ווייכע פלעסטיק בייטל וואב מען פילט אן מיט ווארעם וואסער און מען לייגט צו א ספעציעלע פעקל פון זאלץ און bicarbonate. מען שפריצט עס אריין אין איין נאז לאך און עס רינט ארויס פון די אנדערע. עס שווענקט גוט אויס דעם גאנצן גלגולת, האלז און נאז.

כ'האב עס דאן במשך איין וואך געטון 2 מאל א טאג און אלע סימפטאמען זענען פארשוואונדן. יעצט נוץ איך עס יעדעס מאל איך הייב אן שפירן דאס מינדעסטע פארקילעכץ, און נאך א טאג צוויי איז אלעס גוט ב"ה! עס ארבעט און איז 100% נאטורליך!

(-)

■ ■ ■

**-5615-**

צום שרייבער פון בריוו 5464# וועגן סיינוס אינפעקציע, דר. ראפי, 718-287-0007, איז געווען דער גוטער שליח פאר מיר. ער האט מיר אויסגערייניגט מיט א 'וועקיום קלינער' און דערנאך פארשריבן אנטיביאטיק פאר 14 טעג, אנזאגנדיג איך זאל ענדיגן די גאנצע אפילו ווען איך שפיר שוין בעסער.

(-)

■ ■ ■

**-5616-**

מיין מאן פלעגט ליידן פון סיינוס אינפעקציעס. מען דארף גיין צו אן אי. ען. טי. דאקטער, ווייל עס קען זיין אן אנצינדונג אין די נאז וואס שאפט די שליים. מיר זענען געווען זייער צופרידן מיט דר. לעווינזאהן, אויף 101 broadway.

■ ■ ■

## "טי. עם. דזשעי."

**-5617-**

איך לייד שוין א שטיק צייט פון אומגעהויערע ווייטאג אויף די באקן, "טי. עם. דזשעי." (tmj). עס איז זייער שטארקע יסורים וואס גייט ביזן קאפ, פנים, הענט, רוקן און האלז. דער דענטיסט טענה'ט אז 'ברעיסעס' וועט העלפן, אבער פון אנדערע האב איך געהערט אז נאכ'ן אראפנעמען די ברעיסעס איז עס ערגער געווארן.

וואס זאגן אנדערע וואס זענען דאס אדורך, ברעיסעס העלפט טאקע? איך וויל זייער בעטן אויב ס'איז דא איינער מיט גוטע ערפארונג פון א גאנצע ערהוילונג אויף סיי וועלכע וועג ביי סיי וועמען, ביטע זייט עס מפרסם. מיט דאנק פון פאראויס,

(-)

**רעדאקציע:** במשך די יארן האבן פינף בריוון געענטפערט אויף "טי. עם. דזשעי." 1) דר. לענדי, א קייראפראקטער אין מאנסי, האט געזאגט עס איז א פעלער אין די "ביס" אויסשטעל פון די ציין און ער האט עס פארראכטן. 2) מען איז געווען ביי קעלער קייראפראקטער אין ברוקלין און נאך א שטיק צייט איז דער פראבלעם געהיילט געווארן. 3) א דענטיסט האט געזאגט עס קומט פון אינערליכע דרוק פון די ציין אויף די ביינער און דזשאינטס, און מען דארף מאכן "ברעיסעס" אפילו אינדרויסן איז אלעס גוט. ווי דער ליינער האט געשריבן, איז דער פראבלעם


## האט איר יסורים?

בס"ד

PAIN BE-GONE

דיסארנא מעטאד

פארשטענדליך און ווירקזאם

"ב"ה איך פיל מיך ווי א נייע געבוירענע מענטש, איר האט געטוישט מיין לעבן, איך קען ב"ה פירן א נארמאלע לעבנס שטייגער אן יסורים."

BACK PAIN,
HERNIATED DISC,
SCIATICA,
PINCHED NERVE,
STIFF NECK,
SHOULDER PAIN,
CARPAL TUNNEL SYNDROME,
TMJ,
ACID REFLUX,
STOMACH DISORDERS,
CHRONIC FATIGUE,
WEAKNESS,
HEADACHES,
MIGRAINES,
DIZZINESS
ETC.

דורך **איין וויזיט** וועט אייער **ווייטאג** זיין א **פארגאנגענהייט!** בעז"ה

Mrs. Fulop is not a licensed physician or therapist and does not provide medical advice or treatment. No results are guaranteed.

רופט מרת. פיליפף:

347.450.1792 | 718.333.2279



The Simcha Depot

Your Headquarters for your Tablecloths Rentals

Extensive line of exquisite Tablecloths & Toppers

Call Esti

845.425.7226



המספיק 24 שעה עמערדזשענסי האטליין

1-877-928-9000



עפנט אייער הארץ - עפנט אייער שטוב

המספיק זוכט ווארימע משפחות אין אלע היימישע געגנטער אריינצונעמען א קינד מיט ספעציעלע געברויכן.

אייביגע זכותים, געוואלדיגע חינוך אין שטוב און גוט באצאלט. וכל הקודם זוכה.

רופט ווי פריער

1-800-381-3500 עקס. 7

# ליינער'ס גאלעט

טאקע געהיילט געווארן נאכ'ן טראגן די ברעיסעס פאר איין יאר צייט. 4) מען איז געווען ביי דר. בערנסטין אין בעי רידזש, מיט גוטע רעזולטאטן ב"ה. זיין טעלעפאן נומער איז 718-833-9191. 5) א ליינערין האט דערציילט איבער גוטע ערפארונג מיט דר. דים, ער האט אן אפיס אין ברוקלין האספיטאל און אויך אין פלעטבוש. זיין טעלעפאן נומער איז 718-377-5668. קען זיין פאר טי. עם. דזשעי. נעמט ער נישט אינשורענס.

■ ■ ■

## נאטורליכס פאר א מאמע

-5618-

פאר די פראגע פון #5447 איבער א געזונטע רפואה פאר incontinence .u, ר' שלום אברלאנדער, א מומחה אין נאטורליכע געזונט, האט מיר געגעבן די עצה צו שפרינגען יעדן טאג וויפיל איך קען! (איך פלעג טון jumping jacks!) ער האט מיר דערציילט איבער איינעם וועם דאקטוירים האבן שוין געוואלט אפערירן און די פשוט'ע עצה האט איר אויסגעהיילט נאטורליך און געזונט! עס העלפט שנעל, בדוק ומנוסה.

■ ■ ■

-5619-

מיר האבן געהאט וואונדערליכע רעזולטאטן מיט אן אויסערגעווענליכע מומחה, dr. quiganno, פאר דעם פראבלעם און ענליכס. דער נומער איז 718-387-8523.

(-)

■ ■ ■

-5620-

מען קען טון kegel איבונגען. מען דארף קויפן אן אפאראט צו קוועטשן וואס שטארקט די מוסקלען.

(-)

■ ■ ■

## קרעמפן און שוואכקייט אין אויג

-5621-

איינער פון אונזער משפחה ליידט שוין א לענגערע צייט אויף קרעמפן אין די אויגן (eye spasms) און א נאכגעלאזטע אויג-הייטל (drooping eye-lid). מיר האבן שוין פרובירט botox איינשפריצן, אין אנהויב האט עס אביסל געהאלפן אבער עס העלפט מער נישט. אויב איינער ווייסט פון א גוטע מומחה דערפאר אדער האט אינפארמאציע איבער אפערירן אדער סיי וואס פאר א ערפאלגרייכע באהאנדלונג, ביטע זיך פארבינדן מיט אונז — נומער געהיטן ביי די רעדאקציע. יישר כח פון פאראויס,

(-)

**רעדאקציע:** פאר א נאכגעלאזטע אויג הייטל האבן ליינער שוין געשריבן, נאר אונטער די מער טעכנישע נאמען פונעם פראבלעם, "טאוסיס" (ptosis). במשך הימים האט מען געזאגט גוטס אויף צוויי גרויסע דאקטוירים אין דעם געביט. איינער איז דר. האוערד עגערס פון קאלאמביע, אויפ'ן טעלעפאן נומער 212-305-5049. דער אנדערער, מיט גאר פאזיטיווע גריסן, איז דר. סימיאן לאוער פון העקנסעק, אויף 201-489-9478 אדער אויף 212-879-6824.

■ ■ ■

## הצלחה מיט אויגן דאקטער דר. האזעי

-5622-

איבער בריוון #5172 און #5201 וועלכע בעטן הילף פאר קינדער וועלכע זעען דאפלט, מיר האבן געהאט ממש די זעלבע זאך מיט אן 11 יעריג קינד וואס האט פלוצים אנגעהויבן זען דאפלט. ווען כ'האב איר גענומען צום אויגן דאקטער ביי "ענוויזשן" האט ער נישט רעקאמענדירט 'פריזם' נאר אויגן טעראפי. מיר זענען געווען ביי דר. האזעי פון 'עזרה מעדיקל סענטער' אין בארא פארק. מיר האבן געדארפט גיין צו אים פאר אפאר חדשים און טון היימארבעט, און ב"ה דאס קינד האט ליב באקומען צו ליינען און געווארן אן אנדערער מענטש.

■ ■ ■

## צאן ווייטאג

-5623-

איך לייד כסדר פון ציין ווייטאג. כ'בין שוין אדורך 'רוט קאנאלן' און נאך פראצעדורן, שוין געווען ביי עטליכע דאקטוירים און קיינער ווייסט נישט פארוואס עס טוט נאך וויי. איך האב שוין געהאט א 'סקען' אויף די גאנצע "סיינוס" און עס איז ב"ה צוריקגעקומען גוט. אויב איינער ווייסט וואס קען גורם זיין די ווייטאג וואלט איך געוואלט הערן.

יישר כח, א. לוי

**רעדאקציע:** יארן צוריק האט א ליינער געשריבן אז עס קען אמאל קומען פון א "באק-צאן" (wisdom tooth), אפילו עס איז נאכנישט ארויסגעוואקסן. נעמט עס ארויס ווי שנעלער. אויך קען עס אמאל קומען פון סענסיטיווקייט, אויף וואס 'סענסאדיין' ציינפוץ דארף צו העלפן.

■ ■ ■

## פרעגט די מומחים!

-5624-

איך וויל צולייגן א קריטיש וויכטיגע נקודה צו די לעצטיגע סעריע פון בריוון איבער ענקזייעטי.

הגם איך האב אסאך צוצולייגן צום שמועס פון אייגענע ערפארונג, וויל איך פארט נישט אריינגיין אין די עצם נושא צוליב די סענסיטיווקייט ארום דעם, ווי אויך וויבאלד עס איז נישט פארהאן "איין מהלך וואס ארבעט פאר יעדן" — כשם.... כך אין דעותיה"ן שוות.

וואס יא, ווען עס איז איינעם נוגע להלכה למעשה און מען פרעגט וואס צו טון, בפרט ווען עס האנדלט זיך איבער מעדיצין, ליגט א געוואלדיגע אחריות אויסצוהערן און צו פאלגן נאר אן "אמת'ער" מומחה איבער מענטל העלט. צוזאמשליידערן מיינונגען פון רעכל און מעכל, פאר מיר האט דאס געהאלפן און פאר מיר דאס, מאכט נאר גרעסער דאס צומישעניש. אומוויסנדיג קען זיך עס חלילה צומאל גרעניצן מיט פיקוח נפש ה"י!

ס'איז אודאי א געוואלדיגע זאך אז מיר האבן א פלאץ דא אינעם גאזעט אויסצושמועסן אלעס איבער ענקזייעטי און אנדערע ענינים פון בריאות הנפש, עס איז מחזק, עפנט די אויגן, ווייזט מען איז נישט אליינס, און נאך אסאך, אבער ביז למעשה. ווען די פראגע איז וועלכע שריט צו נעמען, צו וועמען צו גיין, וועלכע מהלכים צו נוצן, יא מעדיצין אדער נישט מעדיצין, די אלע זאכן און שאלות מוזן — און מעגן — נאר געענטפערט ווערן דורך א פראפעסיאנאלער מומחה אדער קראנטע "ריפוירל" ארגאניזאציע.

ווען איינער פרעגט אינפארמאציע אין די ענינים, אנשטאט געבן עצות, ענטפערט יענעם "אויסדרוקליך", רעד צו א מומחה/ארגאניזאציע וואס איז עקספיריענסד! די אחריות איז גאר גאר גרויס, וחכמים הזהרו בדבריכם.

(-)

■ ■ ■

## נאך איבער שטאמלען

-5625-

ענטפער צו בריוו #5413, שטאמלען קען אמאל קומען פון א דורכגאנג, און לאו דוקא א טראומע. איך האב געהאט א קינד וואס האט פלוצים אנגעהויבן שטאמלען, נאך א שטיק צייט בין איך געגאנגען צו א קעניזיאלאדזשיסט, וועלכע האט מיר געזאגט אז עס קומט פון דעם וואס עס איז ב"ה געבוירן געווארן א נייע קינד אין שטוב. זי האט מיר געזאגט וואס צו טון און געגעבן עפעס א האמעפאטישע רפואה, און ביז א קורצע צייט האט דאס קינד ב"ה אויפגעהערט שטאמלען.

א קעניזיאלאדזשיסט דערגייט ביז צום שורש פונעם פראבלעם. זיי קענען צוריקגיין אסאך אסאך יארן, און עס איז מעגליך אז אין די יונגע יארן זעהט איר עפעס אדורך, אפשר אפילו א פרייליכע זאך, וואס האט צוגעברענגט די יעצטיגע שטאמלען. אפשר לוינט זיך צו פרובירן א קעניזיאלאדזשיסט.

הצלחה רבה און רפואה שלימה,

■ ■ ■

## אתרוג שאלעכץ קעגן שטאמלען

-5626-

כ"ק אדמו"ר סקולענער רבי שליט"א האט מיר אמאל געזאגט א סגולה אויפצוהערן שטאמלען, באטאנענדיג אז עס איז בדוק ומנוסה. מען זאל נעמען די שאלעכץ פון אן אתרוג און עס לייגן צווישן די ציינער און קייען 2-3 מאל טעגליך פאר עטליכע טעג. הצלחה!

(-)

■ ■ ■

## חזק ונתחזק

-5627-

ליינענדיג ווי אזויפיל אידן זוכן עצות איבער ענקזייעטי און שטאמלען, שפיר איך פאר וויכטיג צו מיטטיילן מיין עקספיריענס, און וואס מיר טוען יעצט למעשה.

מיינס א קינד האט איין שיינעם אינדערפרי אנגעהויבן שטאמלען. ס'איז געווארן ערגער פון טאג צו טאג ביז ער האט כמעט נישט געקענט געהעריג רעדן. נאכ'ן זיכער מאכן מיט'ן קינדער דאקטער אז ער איז ב"ה פיזיש געזונט און עס קען נאר קומען פון עמאציאנאלע אנגעצויגענקייט, האב איך אפגעמאכט עס נעמען אין די אייגענע הענט.

איך האב געליינט בריוו נומער #5499, וואו דער שרייבער האט הערליך ערקלערט אז דער גאנצער פראבלעם פון ענקזייעטי שטאמט פון נעגאטיווע מחשבות און געפילן. איך האב אויך אזוי פארשטאנען, און דעריבער געקומען צו דער מסקנא אז איך דארף ארבעטן אויף די נעגאטיווע געפילן פון מיין קליינעם, נעמליך, דאס קינד שפירט זיך נישט פארזיכערט און איז דעריבער אנגעצויגן און דערשראקן.

דער באשלוס איז געווען אז איך מיט מיין משפחה וועלן בעז"ה העלפן דאס קינד איבערקומען דעם פראבלעם. יעדער לויט זיין שטייגער וועט אים ארויסווייזן ליבשאפט, ווארעמקייט און א געפיל פון זיכערקייט. איך האב געטאן מיט אים פארשידענע איבונגען צו מאכן שפירן רואיג, פארזיכערט און שטארק.

ביז עטליכע וואכן האבן מיר געזען א גרויסע חילוק און צוביסלעך איז דער גאנצער פראבלעם אוועק.

נו, אז עס ארבעט, האב איך אנגעהויבן נוצן די מעטאדע אויף די גאנצע משפחה, אנגעהויבן ביי מיר אליין. וואס זאל איך אייך זאגן, ב"ה מיר זעען ביי יעדן די גוטע רעזולטאטן. מיט דעם מהלך האב איך שוין ב"ה ארויס-געהאלפן אסאך מענטשן. מיר ארבעטן אינאיינעם צו טוישן די מהלך המחשבה פון נעגאטיוו צו פאזיטיוו, און ווי מער מען טוט עס אלס מער זעט מען דעם חילוק. אמאל איז די ענקזייעטי אזוי שווער, אז מ'קען נישט אנגיין ווייטער מיט'ן לעבן, אפגערעדט ארבעטן דערויף. דערפאר איז דא מעדיצין און מען דארף עס נעמען פונקט ווי יעדע רפואה. איינמאל מ'קען אנהייבן טון די עקסערסייזעס קען עס זייער גוט העלפן און רוב מאל קען מען אפילו אראפ גיין פון מעדעצין!

מיט די צייט האב איך צוזאמגעשטעלט א שטיקל פראגראם פאר פרויען, צו העלפן אריינברענגען פאזיטיווע מחשבות. כ'האב שוין לאנג געוואלט צוזאמשטעלן א גרופע פאר פרויען — אין מיין שכינות אין וויליאמסבורג — צו ארבעטן אינאיינעם אויף רואיגקייט און פאזיטיווקייט, אבער ליינענדיג די הצלחה פונעם שרייבער פון בריוו #5499, האט עס מיר געגעבן די חיזוק און שטופ עס צו טון למעשה.

צוזאמצושטעלן אזא גרופע דארף מען האבן א פלאץ דערפאר און א גרופע פון אינטערעסירטע מענטשן. ווער עס איז ערנסט אינטערעסירט דערין און האט א פלאץ דערפאר, ביטע לאזט איבער א דעטאלירטע מעסעדזש אדער שיקט א קלארע טעקסט צו 347-422-7620.

מיט דאנק, מרת נ.

■ ■ ■

-5628-

## לאזט זיך נישט העלפן

מיר האבן אן ערוואקסן קינד אין די יארן וואס האט אין די לעצטע תקופה אנגעהויבן ליידן פון גאר שווערע

ענקזייעטי און דעפרעסיע. מיר האבן שוין אויסגעגעבן אלפים ורבבות, די גאנצע שטוב גייט צוגרינד, מיר האבן פרובירט אלעס אין דער וועלט צו ראטעווען אונזער געלונגען קינד, אבער דערווייל זעען מיר נישט קיין ישועה.

דער גרעסטער פראבלעם איז — זי לאזט זיך נישט העלפן.

ווען מיר ברענגען נאר ארויף פאר אונזער קינד דער געדאנק פון גיין צו א טעראפיסט אדער דאקטער, ווערט דאס קינד ווילד און די ענקזייעטי הייבט זיך מיט עטליכע שטאפלען. ס'איז נישטא מיט וועם צו רעדן.

און מיר פארשטייען דאס קינד. אין אונזערע קרייזן איז דער סטיגמע פון מענטל העלט נאך אין פולסטן קראפט, באגראבנדיג קרבנות רעכטס און לינקס. דער גאזעט איז פון די איינציגסטע פלעצער וואו דער היימישער עולם שטעקט זיך ארויס די קעפ פון קלאזעט און מ'זעט ווי נאך טויזנטער ליידן פון די זעלבע פראבלעמען.

אידן גיבטס אן עצה, וויאזוי קענען מיר ראטעווען אונזער קינד?

1- וויאזוי קענען מיר באוועגן דאס קינד צו גיין נעמען די נויטיגע הילף? 2- ווייסט איינער פון א גוטע טעראפיסט וואס קומט אראפ צום שטוב פונעם פאציענט? 3- אדער א גוטע טעראפיסט וואס איינמאל מ'גייט צו יענעם קומט מען שוין אליינס צוריק? 4- ווייסט איינער אויב היפנאזיע קען העלפן אין אזעלכע פעלער?

אויב איר קענט אונז העלפן, ביטע רופט ווי פריער אויף 646-284-3769. אויב מען הייבט נישט אויף ביטע לאזט א מעלדונג.

מיט דאנק פון פאראויס, צובראכענע עלטערן

(-)

■ ■ ■

## ענקזייעטי? אפשר עי. די. עיטש. די.!?

### -5629-

בריוו 5489 # שרייבט אז איר זון ווייזט ענקזייעטי, וויבאלד ער האט נישט קיין סבלנות. ענקזייעטי קומט געווענליך נאר ארויס ביי ערוואקסענע. אייער זון האט מעגליך עי. די. עיטש. די.

(-)

■ ■ ■

### -5630-

## מעלאטאנין פאר קינדער

צו בריוו 5395 # און אנדערע וועלכע דעבאטירן איבער געבן מעלאטאנין פאר קינדער: מיינס א קינד מיט "עי. די. עיטש. די." האט פון קליינווייז אויס נישט געקענט איינשלאפן ביינאכט. ווען ער איז געווען בערך 11 יאר אלט האב איך אים אנגעהויבן געבן א וויטאמין מיט'ן נאמען mind trac פון dr. christopher (זיי האבן אויך kiddie trac, גאר גוט פאר יונגערע). דאס האט אים געהאלטן רואיגער און אויך געהאלפן איינשלאפן גרינג. געדענקט, עס ליגט אפט א סיבה אונטער די שלאפלאזיגקייט פון א קינד, און מ'דארף קוקן אויפ'ן גאנצן בילד. הצלחה רבה!

(-)

■ ■ ■

## א איד איז קיינמאל נישט אליין

### -5631-

איך האב זייער הנאה געהאט פון די בריוון איבער ענקזייעטי. איך וויל אדרעסירן בריוו 5489 # וועלכע פרעגט איבער פיזישע ענקזייעטי. איר שרייבט אז איר ליידט פון אנגעצויגנקייט, אבער איר זעט נישט ווי עס זאל קומען פון א געוויסע געשעעניש. ענקזייעטי קען זיין פארבינדן צו א געשעעניש פון יארן צוריק, און עס קען אויסקלאפן סיי ווען, סיי וואו, און סיי וויאזוי. עפעס א קליינע פרישע געשעעניש האט געשלעפט דעם צינגל פון די אלטע פארגעסענע געפילן און די אקסלען הייבן אן וויי טון...

ענקזייעטי וואס קלאפט אויס פיזיש הייסט "פאניק אטאקעס." די יסורים וואס איר שפירט אמאל דא אמאל דארט קומען זיכער פון דעם. איך פלעג אויך אמאל ליידן דערפון, יעדעס מאל אין אן אנדערע טייל פונעם קערפער. א טעראפיסט האט מיר געזאגט אז די אלע ווייטאגן זענען נישט שעדליך! עס טוט וויי, אבער זענען אויסדרוקליך נישט שעדליך! עס קען גארנישט טון. דאס האט מיר געהאלפן אדורכטראגן מיינע מאדנע ווייטאגן. בעיקר וויל איך אייך דערציילן איבער אן אויסערגעוועגליכע בוך וואס צולייגט גוט דעם גאנצן פראבלעם און האט א ים מיט אינפארמאציע. עס הייסט you are not alone געשריבן דורך אסתר גראס. איך מיין אז עס איז אויך דא אין אידיש.

**רעדאקציע:** יסורים וואס מען ווייסט נישט פון וואו זיי שטאמען, קומען טאקע, לויט אסאך דאקטוירים, פון ענקזייעטי, אבער דער טערמין 'פאניק אטאקעס' מיינט ווען מען שפירט דוקא יא א ציטער און עס קען קומען באגלייט מיט פיזישע רעאקציעס. בנוגע דער בוך וואס איר רעקאמענדירט, יא עס איז אויך דא צו באקומען אין אידיש, "א איד איז קיינמאל נישט אליין".

■ ■ ■

## ומפחד בלילות

### -5632-

איך האט א פינף יעריגע טאכטער (איינע צווישן אסאך געשוויסטער ב"ה) וואס דערשרעקט זיך געפערליך פון יעדע פרעמדע קול אדער מענטש, שלאפט זייער שווער איין אפילו מיט 'מעלאטאנין', מען דארף זיצן מיט איר זי זאל איינשלאפן, און ווען מען גייט ארויס פון שטוב וועקט זי זיך גראד אויף מיט א ציטער.

ביטע ארייננשרייבן אויב איר האט אן עצה דערפאר, יישר כח.

(-)

■ ■ ■

### -5633-

וועגן שלעכטע חלומות, בריוו 5435 #, וויל איך איבערגעבן צוויי עצות. 1) עס איז גוט אויסצולערנען דאס קינד (און אלע קינדער) אז ביים שלאפן גיין זאל מען נישט לייגן די האנט אויפ'ן הארץ אדער אויפ'ן שטערן. 2) ווען מען שלאפט ענדליך צוריק איין נאך א בייזע חלום מאכט זיך אפט אז עס חלומ'ט זיך ווייטער דער זעלבער חלום, און מען קען ווידער נישט שלאפן. די עצה איז צו גיין צום פענסטער און ארויסקוקן, באטראכטן די גאס פאר 1-2 מינוט. געווענליך ווערט דער חלום כמעט ווי פארגעסן און עס שלאפט זיך נאכדעם רואיג. א קליין קינד ברויך געווענליך אן ערוואקסענער וואס זאל אים/איר באגלייטן צום פענסטער. מיט די גרעסערע קינדער לוינט זיך צו מאכן א שמועס דערוועגן זיי זאלן אליינס וויסן וואס זיי האבן צו טון נאך א שלעכטן חלום.

א גוטע נאכט,

(-)

■ ■ ■

## קינד אין שרעק

### -5634-

אין ענטפער פאר בריוו 5435 # וועלכער פרעגט איבער א קינד וואס כאפט זיך אויף מיט שרעק אינמיטן די נאכט שרייענדיג אז זי זעט א הונטל: כ'האב באמערקט ביי קינדער, מיינע און אנדערע, אז ווען זיי זעען זייער אייגענעם שאטן אויף די וואנט, ווי עס רוקט זיך ווען זיי באוועגן זיך, קען עס זיי דערשרעקן. זיי ווייזן וואס דאס איז קען העלפן. הצלחה און ברכה.

(-)

■ ■ ■

### -5635-

א קינד וואס האט מורא פון אלעס איז גוט בודק צו זיין די מזוזות. אפילו זיי זענען כשר איז די בדיקה אליינס א סגולה. אויך העלפט צו לייגן צוקאפנס ווען מ'גייט שלאפן א ספה"ק נועם אלימלך און אן אזוב בלעטל, צו קויפן אין די ספרים געשעפטן.

(-)

■ ■ ■

### -5636-

א חשוב'ער איד האט מיר געראטן אפצושפרעכן עין הרע. איך האב אזוי געטון און עס איז מערסטנס אוועקגעגאנגען.

(-)

■ ■ ■

### -5637-

מיין קליינער האט אויך געליטן פון שטארקע פחדים. מען האט געמוזט מיטגיין מיט אים איבעראל, אפילו אינמיטן טאג. מיר האבן גערעדט צו איינעם וואס גיסט בליי און 99% פונעם פראבלעם איז ב"ה אוועק.

(-)

■ ■ ■


Advanced Neurology
www.neimanneurology.com
Treatment of Seizure/Epilepsy, Migraine, Multiple Sclerosis, Stroke
Alzheimer Disease, Traumatic Brain Injury, Concussion, Tremor, Tic Disorders, Neuropathy
Neuralgia, Dizziness, Neck, & Back Injury
Vagus Nerve Stimulator Management
Dr. Eli S. Neiman
DO, AOBNP, FACN, PC.
Medical Doctor, Board Certified in Neurology
Fellowship Trained Mayo Clinic in EEG/Epilepsy/Clinical Neurophysiology
745 State Route 17M Suite #770
Monroe, NY 10950
3 College Road Suite #2
Monsey, NY 10952
Sunday & Evening appointments available. Free parking,
For people with difficulty walking, house calls are available.
Call for Appointment:
(845) 26-REFUA (1-845-267-3382)



צו באשטעלן די הערליכע זאלן פון
"המספיק טערעס"
אין קרית יואל
רופט 845-774-0345
אין מאנסי
845-425-4949 עקס. 1



השבת אבידה
א "דיימאנד פין" איז געפונען געווארן אין "המספיק טערעס" זאל אין קרית יואל. ווער עס האט עס פארלוירן זאל ביטע רופן דעם מענעדזשער אויף 845-774-0345.




# ליינער'ס גאזעט

-5638-

פחד קומט פון קליפות. מען דארף זיך דריבער האלטן דאס מערסטע בקדושה וואס מעגליך, סיי אין לבוש און סיי מיט טעכנאלאגיע.

א פראקטישע עצה איז עס צו קאנפראנטירן, צב"ש, אז דאס קינד שרייט ס'איז דא א הונט, זאלן די עלטערן פרעגן וואו דאס איז, און ווייזן פאר'ן קינד אז עס איז נישט דא קיין הונט דארט. דאס וויכטיגסטע איז צו ווייזן פארשטענדעניש און געבן געפיל און 'סופארט'. געבן א געבענטשטע מטבע אדער ספר צו לייגן צוקאפנס — אויסער די סגולה דערין — וועט עס אויך העלפן דאס קינד שפירן אז זיינע עלטערן פארשטייען אים און זענען אים מחזק.

(-)

■ ■ ■

## א גוטע נאכט..

-5639-

שווערע נעכט — 5394#, און צום שרייבער אין אלול גאזעט וועלכער פרעגט איבער שנארכן (5341#): ס'וואלט אייךביידע געווען א גוטע עצה צו גיין פאר א "שלאף טעסט" צו זען אויב מען האט "סליפ עפניע" — sleep apnea. אויב יא, קען מען אנהייבן נוצן א מאשין ביים שלאפן און ס'איז אן אנדערע וועלט.

(-)

■ ■ ■

## סעלערי זאפט מנלן?

-5640-

בריוו 5486# האט געשריבן אז אויסקוועטשן און טרונקען סעלערי זאפט העלפט וואונדער פאר יסורים אין די געלענקען (דזשוינטס). איך וויל שטארק וויסן וויאזוי קען מען אויסקוועטשן סעלערי? וועלכע נוצט איר, גרינע לאנגע אדער די ווייסע קאפ סעלערי? אפשר גאר קאכט מען עס מיט וואסער צו באקומען די זאפט? וויפיל און ווי אפט?

יישר כח

■ ■ ■

## קעגן ווערים - מער קנאבל

-5641-

נאך אן ענטפער פאר 5445# איבער איינער וואס ליידט פון ווערים. איך האב געהאט די פראבלעם מיט א קינד. כ'האב עטליכע מאל געגעבן מעדעצין אבער נאך א צייט איז עס צוריקגעקומען. כ'האב פרובירט צו לייגן קנאבל, אויך אן ערפאלג. ענדליך האט מיר השי"ת אריינגעשיקט אין געדאנק ארויסצוגיין מיט א פעסטע קאנטער אטאקע און באמבאדירן די ווערים מיט קנאבל להשמיד ולהרוג. איך האב אנגעהויבן געבן פאר מיין קינד kyolic אין מויל אינדערפרי און ביינאכט, און יעדע נאכט האב איך אים אויך אריינגעלייגט נאך ..... שוין יארן אדורך און איך ווייס מער נישט פון די פראבלעם.

(-)

■ ■ ■

## בשמים און פאפיטעס

-5642-

וועגן ווערים, (בריוו 5445# און נאך): צומאלענע בשמים-נעגעלעך (cloves) העלפן זייער גוט דאס צו פארמיידן. איך מיש עס אויס מיט האניג און מילך און געב עס אזוי פאר די קינדער צו טרונקען. נאך א ווירקזאמע מיטל איז די ווייסע פאפיטעס (pumpkin seeds). מען קאכט עס אין א טאפ מיט אביסל אויל און עס "פאפט" אזויווי 'פאפקארן'. די קינדער האבן עס זייער ליב. אויך קען מען נעמען א שטיקל קנאבל, עס שמירן מיט "וואזאלין" און נוצן ווי א 'סופאזעטארי'. עס זענען אויך פארהאן נאטורליכע וויטאמינען דערפאר אין די געזונטהייט געשעפטן.

(-)

■ ■ ■

## פעפער קעגן קעלט

-5643-

אלס ענטפער צו בריוו 5338#, 5465# און אנדערע וועלכע שפירן זיך אייביג קאלט: אויב עס קומט נישט צוליב א שווערע געזונט צושטאנד, איז א גוטע עצה צו עסן שווערע מאכלים ווי לעבער אדער בהמה פלייש, און צולייגן קאפסולן פון שארפע רויטע "קייען פעפער" — cayenne pepper (אין די קאפסולן קומען זיי מיט די מאקסימום שטארקייט — צו באקומען אין געזונטהייט געשעפטן. מען נוצט עס אסאך פאר מענטשן מיט א שוואכע צירקולאציע), און אזוי אויך גוט באפעפערן אנדערע מאכלים מיט הייסע געווירצן. איר וועט מער נישט קאלט זיין.

(-)

■ ■ ■

## ווארצלען

-5644-

נאך אן עצה פאר ווארצלען איז ארומבינדן א פאדים פעסט אבער נישט צו שטייף (נישט אויף אלע ווארצלען וועט זיך עס האלטן). מ'דארף עס פארקניפן די נענטסטע צו די הויט וואס מעגליך. ביז א טאג צוויי ווערט עס פארטרוקנט און פאלט אראפ. ווען עס הויבט אן טרוקענען, קען די פאדים ווערן לויזער, דאן לאזט מען דארט די אלטע און מען בינדט ארום אויף דעם א פרישע פאדים עס זאל ווייטער בלייבן פעסט פארבינדן.

(-)

■ ■ ■

## ערפארונג מיט "סייטאמעל"?

-5645-

איך זוך וויכטיג אינפארמאציע איבער באהאנדלען א שוואכע טיירויד דורך נוצן cytomel, וואס איז א t3, אנשטאט סינטרויד וואס איז t4. אויב איר האט ערפארונג דערמיט, ביטע לאזט מיר וויסן אויב עס האט געארבעט און ביי וועלכן דאקטער. מיין נומער ליגט געהיטן ביי די רעדאקציע.

(-)

■ ■ ■

## היימישע פראביאטיקס

-5646-

איינגעזויערטע זאכן האבן אסאך נאטורליכע "פראביאטיק" (לעבנסוויכטיגע "גוטע" באקטעריע).

היימישע זויערע-אוגערקעס זענען א גרינגע און געשמאקע מיטל צו באקומען א רייכע פארציע פון די וויכטיגע מיקראבן אויף א ביליגן אופן. כ'וויל איבערגעבן א מהלך עס אליינס צו מאכן וואס איז פראקטיש, גרינג, און די רעזולטאטן — אויף ביידע באקן.

פילט אן א סלוי (ball-jar אדער mason-jar וואס מען קען הערמעטיש פארמאכן) מיט פרישע אוגערקעס (persian זענען די בעסטע צום טעם), ביז די אוגערקעס זענען צוזאמגעפרעסט. לייגט צו 2-3 ציינדעלעך קנאבל, גאנצע שווארצע פעפער און pickling spice לויט אייער געשמאק.

אין א שיסעלע לייגט אריין בערך א האלבע טיי-לעפעלע זאלץ איןווארעם וואסער ביז די זאלץ ווערט צולאזט און פארזוכט עס. עס דארף האבן א טעם פון עטוואס איבער-געזאלצענע זופ. דערנאך גיסט אריין דיווארימע זאלץ וואסער אינעם סלוי פון די אוגערקעס, עס זאל אנקומען כמעט ביז אויבן, און דעקט עס צו מיט א שמאטע אדער זילבער פאפיר.

לאזט דעם סלוי שטיין צווישן איינס און צוויי וואכן אויף א ווארימע פלאץ (זומער זויערט עס שנעלער און בעסער). אן אויוון מיט 'פיילאט' איז זייער גוט דערפאר. געדענקט נאר אונטער צו לייגן א טעלער אדער שיסל אונטער די סלוי, ווייל עס וועט האלטן אין איין רינען זאפט.

א געזונטן אפעטיט,

(-)

נ.ב. אויב איינער האט נאך עצות און ערפארונג, ביטע לאזט וויסן דורכ'ן גאזעט לתועלת הרבים.

■ ■ ■

## נאך א גוטע אלארם פאר באנעצן

-5647-

וועגן בעטנעצן (בריוו 5155# און נאך), מיר האבן ב"ה געהאט געוואלדיג גוטע רעזולטאטן ביי א זיבן יעריג קינד מיט אן אלארם. דער אלארם ענדלט שטארק צו די קליינע malem אלארם וואס ווערט פארקויפט דורך "די בעטוועטינג סטאר" אבער קאסט היבש ביליגער.

דער נאמען פון די פירמע איז potty md, און דער נאמען פון דעם אלארם איז wet stop. עס קאסט 40 דאללער פאר שטייער, און אסאך מאל רעכענען זיי נישט די קאסטן פון עס שיקן. דער טעלעפאן נומער איז: 877-768-8963. עס איז וויכטיג צו ליינען אלע אנווייזונגען צו פארשטיין וויאזוי עס איז משפיע אויפ'ן מח און וויאזוי עס לערנט אויס דעם מח זיך בעזהשי"ת אליינס אויפצואוועקן. בשעת מען נוצט דעם אלארם דארפן די עלטערן אויפוועקן דאס קינד ביז ער הייבט אן זיך אליינס צו דערוועקן. עס פעלט אבער נישט אויס אז דאס קינד זאל זיין באוואוסטזיניג אז ער איז אויף. מען דארף אים נאר טראגן אין ביה"כ, און/אדער טוישן, און צוריקלייגן אין בעט.

אסאך הצלחה און סייעתא דשמיא, די ליכט ביים עק טונעל איז אסאך נענטער ווי איר מיינט...

(-)

■ ■ ■

# קורצע ענטפערס

## שלינגען טאבלעטן

-5648-

נאך א גרינגע עצה צו שלינגען א טאבלעט, נעמט עס מיט 'סעלצער'. די בלעזלעך פון די סאדע וואסער מאכט מען זאל בכלל נישט שפירן דעם טאבלעט און עס גייט אראפ ווי פון זיך אליין.

■ ■ ■

## פארטייבט

-5649-

ענטפער פאר בריוו 5444# וואס איר טאכטער'ס נאז איז פארטייבט (numb) נאך אן אלערגישע רעאקציע. מיר האבן געהאט גאר גוטע ערפארונג ביי דר. אנטעבי פון פלעטבוש, נומער 718-375-5242. מען קען זיך פארבינדן מיט מיר דורך די רעדאקציע.

(-)

■ ■ ■

## איבער דר. תל-אורן

-5650-

פאר בריוו 5449# איבער דר. תל-אורן פון א"י: מיר האבן אים גענוצט פאר אונזער קינד. מען קען זיך פארבינדן מיט אונז דורך די רעדאקציע.

(-)

■ ■ ■

## צובראכענע ציינער

-5651-

איך רוף וועגן בריוו 5410# איבער צובראכענע ציינער: מיין מאן האט געהאט אן ענליכע מעשה, און ער האט גענוצט דר. קלעמענס פון דאונטאון ברוקלין, נומער: 7756-718-789. ער נעמט טאקע קעש אבער איז נישט טייער. איין צאן האט ער געמאכט א רוט קאנאל מיט א 'קעפ', און די אנדערע האט ער גאראנטירט אזש מען קען גארנישט דערקענען.

(-)

■ ■ ■

## אטעמען במקום קאווע

**-5652-**

א גוטע עצה אנשטאט טרינקען קאווע (5411#): אין די בוך paul brag superpower breathing געשריבן דורך לערנט ער וועגן צו אטעמען טיף וואס פרישט וואונדערליך אויף.

נאך א גוטס, ווען מען שפירט זיך אראפגעלאזט, אנשטאט טרינקען קאפעין מאכט אביסל 'עקסערסייז', אפילו פאר בלויז צוויי מינוט, און עס גיבט פרישע כוחות בעז"ה.

(-)

■ ■ ■

**-5653-**

איך פלעג אויך נישט קענען פארנעמען קאווע און מילכיגס און כ'האב זיך צוגעוואוינט צו fields coffee three. עס האט א טעם ווי קאווע אבער איז געמאכט פון גערשטן און עס פארבייט עס זייער גוט.

(-)

■ ■ ■

## קרענבערי זאפט בעסער

**-5654-**

אין בריוו 5472# געבט די שרייבער אן עצה פון אויפקאכן קרענבעריס מיט וואסער און טרונקען די וואסער צו העלפן פאר א יו. אינפעקציע. ביי מיר איז די געקויפטע "קרענבערי קאנצענטרירטע זאפט" — concentrate juice cranberry פיל מער ווירקזאם (אפשר וויבאלד מען טרונקט עס מיט 3 מאל אזוי פיל וואסער).

(-)

■ ■ ■

## צו העלפן וואקסן

**-5655-**

בריוו 5463# האט געשריבן איבער א קינד וואס וואקסט נישט געהעריג: מען דארף זיך אויסציען גלייך נאכ'ן אויפשטיין פון שלאף. "גאושי יאגדעס" (goji berries) העלפן אויך זייער גוט — צו באקומען אין געזונטהייט געשעפטן.

(-)

■ ■ ■

**-5656-**

שוואכע וואוקס קען זיין א סימן פון קראנס. איך לייד אליינס פון קראנס און כ'בין גרייט ארויסצוהעלפן. איר קענט מיר רופן אויף 718-522-3153.

(-)

■ ■ ■

## "וועריקאוז וועינס"

**-5657-**

פאר געשוואלענע אדערן אין די פיס —varicose veins, בריוו 5433#, זאקן ווי support stockings קענען העלפן, אבער נישט גענוג. איך נעם וויטאמין אי. (vitamin e) פון א טייערע פירמע, און דאס האט מיר ממש געראטעוועט. מען קען עס באקומען מיט א השגחה. פרעגט אייער דאקטער דערוועגן.

(-)

■ ■ ■

**-5658-**

וויטאמין אי. העלפט זייער אסאך פאר דעם, ספעציעל די אויל. פארשטייט זיך מען דארף פרעגן א דאקטער.

(-)

■ ■ ■

## ענקזייעטי פראגראם נומער

**-5659-**

די פראגראם "אטעקינג ענקזייעטי ענד דעפרעשן" האלט אין איין טוישן נומערן. יעצט איז עס 573-539-6507. זיי האבן אויך א זייטל ווי מען קען זיי קאנטאקטן. עס איז stresscenter.com.

(-)

■ ■ ■

## הייפער פון מעדיצינען

**-5660-**

א תשובה פאר 5494# וועלכער איז 'הייפער' פון ענקזייעטי און בעט אן עצה: עס קען קומען פון ענקזייעטי-מעדיצינען. ס'איז אינטערעסאנט אז דער דאקטער האט אייך נישט געזאגט דערוועגן. אויך שרייבט ער אז ער האט א גוטע טעראפיסט — ער זאל זען צו ארבעטן מיט אים צו קענען אויפהערן נעמען מעדיצינען.

(-)

■ ■ ■

## ווייסע נעגל פלעקן - זינק

**-5661-**

שאלה 2 פון בריוו 5449#, איבער ווייסע פלעקן אויף די נעגל: דאס קומט פון א מאנגל אין 'זינק' — zinc.

(-)

■ ■ ■

## פאר שלאף-קריכער

**-5662-**

ענטפער פאר בריוו 5532# איבער אן ערוואקסענער בחור וועלכער שפאצירט אינמיטן שלאף: א שטיק צייט צוריק האב איך געהערט אין נאמען פון א גרויסן רבי'ן, אז פאר "שלאף-קריכער" זאל מען לייגן א נאסע האנטוך אויף די ערד נעבן בעט, און ווען ער וועט אויפשטיין און אראפטרעטן וועט ער זיך אויפוועקן. דאס דארף העלפן אויפהערן דאס גאנצע שפאצירן אינמיטן שלאף. אויך האב איך געהערט מען זאל נישט קוקן אויף די לבנה. הצלחה,

(-)

■ ■ ■

## נומער פון דר. ראזמערין

**-5663-**

אין בריוו 5492# בעט איינער דעם נומער פון דר. ראזמערין: זיין נומער איז 646-837-5557 אדער 646-837-5587 (ער איז געווען באשריבן אין מעלות-חזק תשע"ד).

(-)

■ ■ ■

## פארקלעבטע אויגן

**-5664-**

5522# שרייבט אז די אויגן פון איר קינד זענען אלעמאל פארקלעבט און דער אויער קאנאל פארשטאפט: די אויערן און אויגן זענען פארבינדן. זייט פארזיכטיג עס זאל נישט אריינגיין קיין וואסער, בעיקר ביים זיך באדן. דר. ראפי (dr. ruffy) פון ברוקלין, 718-625-4230, קען בס"ד העלפן.

(-)

■ ■ ■

## ערפארונג מיט סיליעק

**-5665-**

פאר די וואס פרעגט איבער סיליעק דיזיז פאר א קליין מיידל (5454#): איך האב אסאך ערפארונג דערמיט און כ'בין גרייט צו העלפן. מיין נומער איז געהיטן ביי די רעדאקציע.

(-)

■ ■ ■

## נערוועזע מאגן פעפטאָ ביסמאל

**-5666-**

בריוו 5513# בעט הילף פאר א נערוועזע מאגן: "פעפטאָ ביסמאל" (pepto bismol), די באקאנטע אווער-די-קאונטער מעדיצין פאר מאגן און קושקע פראבלעמען, האט מיר שוין געהאלפט אסאך מיט די און ענליכע פראבלעמען.

(-)

■ ■ ■

**-5667-**

א נערוועזע מאגן קען קומען פון עסן "האול וויט" ברויט.

(-)

■ ■ ■

## הילף פאר "עיטש. פיילארי"

**-5668-**

אן עצה פאר די "עיטש. פיילארי" (h pylori). מאגן אינפעקציע — בריוו 5546#: אפשיילן א רויע קארטאפל, אויסקוועטשן די זאפט, און טרינקען די דזשוס 20 מינוט פאר פרישטאג. פאר מיר איז עס געווען זייער ווירקזאם.

(-)

■ ■ ■

## ציינפוץ אן "לאוריעל סאלפעיט"

**-5669-**

צום שרייבער פון בריוו 5552#, עס איז דא צו באקומען ציינפוץ מיטן נאמען therabreath פון dr. katz וואס האט נישט קיין 'לאוריעל סאלפעיט' (lauryl sulfate). עס איז ספעציעל געאייגנט פאר "קענקער סאורס" (canker sores) און האט א ksa הכשר. מיר האבן געפרעגט א היימישן בעל מכשיר און ער האט געזאגט אז מען קען עס נוצן.

(-)

■ ■ ■

**-5670-**

אין געזונטהייט געשעפטן קען מען קויפן א ציינפוץ מיטן נאמען powersmile וואס איז ריין פון "לאוריעל סאלפעיט", גלוטען און קלארויד.

(-)

■ ■ ■

## פאר "אומרואיגע פיס"

**-5671-**

5553# האט געפרעגט אויב עס איז דא א נאטורליכע וועג צו העלפן מיט "רעסטלעס פיט סינדראם": איך קען נישט צוזאגן אז עס ארבעט, אבער כ'האב ערגעץ געליינט אן עצה, צו שלאפן מיט א שטיקל זייף אין בעט וויבאלד די 'מאגנעזיום' אין די זייף קען העלפן. ס'איז זיכער יא בדוק ומנוסה אז עס העלפט פאר פיס-קרעמפן אין די ליטקע (calf) וואס קען זיך מאכן פארטאגס. מען זאגט אז איירישע זייף איז די בעסטע אבער אלעס ארבעט. הצלחה רבה!

(-)

■ ■ ■

**-5672-**

עס זעט מיר אויס אז עס קומט פון שוואכע צירקולאציע. מען קען פרובירן וויטאמין אי. — נישט צו סאך, אדער 10 מינוט איבונגען א טאג. מעגליך אז אראפגיין פון צוקער קען אויך העלפן.

(-)

■ ■ ■

ואכלת ושבעת:

# מעטא-אנאליז באשטעטיגט: "פראטין" מאכט שפירן זאטער און אנגעפילטער

פראטין ווערט דורך מאנכע אויסגעלויבט אלס דער שליסל פאר געזונטע וואג פארלוסט. אבער די טעאריע פון פראטין חסידים, אז עס מאכט דעם מענטש זיך שפירן שנעלער און מער אנגעפילט און זאַט, איז יארן לאנג געבליבן פארזינקען אין היציגע וויסנשאפטליכע דעבאטעס.

אצינד, האבן פארשער אין אינדיאנא צוזאמגענומען אלע טויזנטער שטודיעס איבער די טעמע וואס זיי האבן נאר געקענט טרעפן און געוואלט זען וואס די בעסטע און שענסטע פון זיי זאגן.

זייער מסקנא איז געווען אז יא, עסן מאכלים מיט מער פראטין מאכט באמת מענטשן זיך שפירן מער זאַט. דאס איז א הויפט שליסל פאר א געזונטע דיעטע, ווייבאלד איינמאל מען שפירט זיך זאַט מיט געזונטע מאכלים גלוסט זיך נישט אזוי שטארק ארייננצוקוועטשן נאך א שטיקל מזונות.

די ארויסגעבער פון דעם "מעטא-אנאליז" (איבערזיכט איבער מערערע שטודיעס) האבן געוואלט פאקוסן אויף איין ספעציפישע שאלה: וואספארא עפעקט האט פראטין אויף אנגעפילטקייט? זיי האבן דערפאר אדורכגעזיפט טויזנטער שטודיעס און אויסגעקליבן פינף מעכטיגע צו אנאליזירן. יעדע פון די פינף האט גענוצט אן ענליכע עקספערימענט: מענטשן זענען אריינגעקומען אין לאבראטאריע נאכ׳ן פאסטן און האבן באקומען פראטין-רייכע מאכלים, דערנאך האט מען אבזערווירט ווי זאַט זיי שפירן זיך במשך די קומענדיגע שטיק צייט.

"די רעזולטאטן האבן געוויזן אז אמת ויציב, מער פראטין מאכט זאַטער," זאגט דר. ריטשארד מאטעס, פון די פירער פון די שטודיע און בארימטער פראפעסאר איבער נערונג אין "פורדו" יוניווערסיטעט אין אינדיאנא (בארימט פאר אירע וויסנשאפטליכע דערגרייכונגען. אין 15׳ אליינס האבן זיי באקומען 401$ מיליאן אין אויסצייכענונגען אויף זייערע שטודיעס).

צו באשטעטיגן זייערע געפינסן האבן די פארשער אויסגעברייטערט די ראמען און אריינגענומען נאך 28 שטודיעס אין א צווייטע אנאליז. זיי זענען ווייטער געקומען צו די זעלבע מסקנא.

דר. מאטעס באווארנט אז טיפערע פארשונגען פעלן נאך אויס, זינט פינף שטודיעס, ווי פארזיכטיג מ׳האט זיי נאר געקליבן, מוזן נאכנישט רעפלעקטירן דאס לעצטע ווארט פון די וויסנשאפטליכע וועלט. מ׳דארף נאך אויסקלארן עטליכע שאלות איבער פראטין, צב"ש אויב פראטין פון גרינצייג האט די זעלבע מעלה ווי פראטין פון בעלי חיים, אויב א פראטין-רייכע געטראנק זעטיגט ווייניגער פון די וואס מען עסט, און נאך. ■

קאווע טובה ומתוקה:

# א געזונטע קאווע, זיס אויך, און אן צוקער

עס איז בכלל נישט קיין סוד אז די צוקער וואס איר לייגט אריין צו פארזיסן אייער קאווע איז שוין גארנישט אזוי זיס פאר אייער געזונט. עס ברענגט צווישן אנדערע איבערוואג און לעכער אין די ציין. מ׳קען טוישן צו קונצליכע צוקער וועלכע פארמאגן נישט קיין קאלעריעס, אבער זיי זענען געמאכט פון קאנטערווערסיאלע כעמיקאלן וועלכע ברענגען נישט קיין שום נארהאפטיגע בענעפיטן. אלזא, וואס זענען די געזונטע אלטערנאטיוון? נאטורליכע זיסווארג, ווי האניג און אומפראצעסירטע "מעיפל סירופ", ווי עקספערטן שרייבן, זענען היבש בעסער ווי פשוט׳ע ווייסע פראצעסירטע צוקער.

רויע האניג, כאטש ווען געמאסטן טיי-לעפעלע פאר טיי-לעפעלע, האט עס מער קאלעריס ווי צוקער, אבער צוליב די אנדערע נאטורן וואס עס פארמאגט קען עס אייגנטליך גאר העלפן פארלירן וואג! עס שאפט נישט אזעלכע שטורמישע כוואליעס צו הייבן און נידערן די צוקער שטאפלען פון די בלוט – וואס פארמערט דאס הונגער. האניג אנטהאלט אויך אן אוצר פון וויטאמינען און מינעראלן, אריינגערעכנט מאגניזיום, פאטאסיום, קאלציום, אייזן, סאלפור, קופער, זאלץ, זינק און וויטאמינען עי. בי. און סי.

אויסערדעם איז האניג אויך אן "אנטי-אקסידענט" (אנטי-זויערקייט) וואס העלפט קעגן פאנגוס און באקטעריעס. האניג קען אויך העלפן קעגן א הארטע מאגן, שווערקייטן צו פארדייען און מאגן געשווירן. לייגט אריין א טיי-לעפעלע האניג אין די קאווע און מישט עס ביז עס ווערט אינגאנצן צולאזט.

"מעיפל סירופ" פארמאגט די זעלבע אנטי-אקסידענטס ווי יאגדעס. עס פארמאגט נאך 13 אנדערע אנטי-אקסידענט באשטאנדטיילן, אכט פון זיי טרעפט מען אויסשליסליך בלויז אין מעיפל סירופ. זיי העלפן קעגן דייעביטיס, קענסער און געוויסע באקטעריעס. ווי מיט האניג הייבט אן צוביסלעך, און אויסער א זיסע קאווע וועט איר צובאקומען א געשמאקן "מעיפל" פלעיווער.

אן אנדערע אויסוואל איז "סטיוויע" – געמאכט פונעם דרום-אמעריקאנעם "סטיוויע" געוואוקס. עס איז 300 מאל זיסער פון צוקער, אבער מאכט נישט קיין שום רושם אויף די צוקער אין די בלוט, וואס מאכט עס פארזיכערט אפילו פאר מענטשן מיט דייעביטיס. אויסער די אנטי-מיקראבן, אנטי-אינפלאמאציע, אנטי-עצירות און אנטי-טומאר געוואוקסן וואס עס האט, נידערט עס אויך אראפ הויכע בלוט דרוק ביי געוויסע. ווייבאלד עס איז אזוי זיס קען מען אפילו אנהייבן מיט א האלבע טיי-לעפעלע. פרובירט און האט הנאה.

אבער ריכטיגע "קאווע-מבינים" טענה׳ן אז סיי וואספארא זיסקייט נעמט נאר אוועק פון די ריכטיגע קאווע-טעם. דאס בעסטע, צום טעם און צום געזונט, איז בלויז קאווע, וואסער און מילך. ■

יברך את בית אהרן

ברב גילה רנה דצה וחדוה הננו מגישים בזה כסא דברכתא אל מע"כ איש חי ורב פעלים, עושה ומעשה למען אחינו בני ישראל בכל אתר ואתר, לפני מלכים ורוזנים יתיצב בגאון ועוז, ידיד כל חי וידיד נאמן למפעלינו הנשגבה זה רבות בשנים, כולם שוין לטובה לבוא לעזרת ד׳ בגבורים, העסקן הנאמן לכל צרכי עמך ישראל הרבני הדגול כש"ת

**מו"ה אהרן בנציון ווידער הי"ו**

**מחשובי העסקנים בעיר מאנסי יצ"ו**

**לרגל שמחת נישואי בנו החתן המופלג בתוי"ש**

**כמר אברהם שלמה ני"ו**

עב"ג הכלה החשובה תחי׳

**בת מו"ה אביגדור יודא קליין הי"ו**

יהא רעווא שיזכה לרוות מהם ומכל יו"ח רב תענוג ונחת דקדושה שמחה מתוך שמחה ורב הצלחה וסייעתא דשמיא על כל צעד ושעל

ידידו בלונ"ח, **מאיר ווערטהיימער**

עפנט אייער הארץ

עפנט אייער שטוב

* * * *

המספיק זוכט גוטהארציגע ווארימע משפחות אין "קרית יואל" צו ארייננעמען ספעציעלע קינדערלעך מיט "דאון סינדראום".

דער פארלאנג איז זייער גרויס, וכל הקודם זכה.

אייביגע זכותים, געוואלדיגע חינוך אין שטוב און זייער גוט באצאלט.

רופט נאך היינט

המספיק פעמילי קעיר האום ליעזאן אין קרית יואל

**845-774-8400 עקסטענשאן 329**

יזכור אהבתם:

# ישיבת תורה וחסד געדענקט הבה״ח בנש״ק שלמה טייטלבוים ע״ה צום צווייטן יארצייט

### רירנדע יארצייט סעודה און סיום משניות געפראוועט געווארן אין היכל הישיבה בהשתתפות אביו הגדול כ״ק אדמו״ר מ׳סאסוב שליט״א



״אומפארגעסליך״ איז נישט אייביג א לופטיגע מליצה. ווען א משפחה פארלירט א מיטגליד איז עס א ברייעדיגער פאקט, און אודאי ווען די רעדע איז פון חשוב׳ן בחור און בנן של קדושים כמר שלמה טייטלבוים ז״ל.

הב׳ שלמה ע״ה איז געווען א גאר חשוב׳ער בחור, בן יקיר ליבלחט״א אביו הגדול כ״ק הרה״צ המפורסם אדמו״ר רבי חנוך העניך טייטלבוים מ׳סאסוב שליט״א, מחשובי רבני העיר מאנסי יצ״ו. שלמה׳לע האט געצויגן זיין יחוס למעב״ק צו די שרפי מעלה לחצרות סאסוב, סיגוט, צאנז, אלעסק, בעלזא, און נאך כמה וכמה קדושי עליון און מנהיגי ישראל נבג״מ.

לאנגע יארן האט המספיק געהאט די זכי׳ ארויסצוהעלפן דעם חשוב׳ן בחור אין די ראמען פון ״ישיבת תורה וחסד״ אין מאנסי.

זיין הייליגע נשמה איז 29 יאר אויסגעלייטערט געווארן אין א שוואכן קערפערל מתוך יסורים קשים ומרים. אבער ווי שווער די יסורים זענען געווען פיזיש, האבן זיי נישט באוויזן צו צוברעכן זיין גייסט. הב׳ שלמה׳לע פלעגט אלעס מיטהאלטן אין ישיבה, איבערהויפט יעדע רוחניות׳דיגע פראיעקט. ער פלעגט צוהערן מיט אינטערעסע די סיפורי צדיקים ביים ״באטע״ יעדן ערב שבת קודש, און פלעגט זייער גלייכן צו שמועסן מיט די שטאב מיטגלידער דורך זיין קלארע און פליסיגע שריפט. לעומתו ברוך יאמרו, די סטעף פלעגט זייער הנאה האבן פונעם נאנטן קשר מיט אים.

הבה״ח שלמה׳לע האט געענדיגט זיין תפקיד אויף דער וועלט מיט צוויי יאר צוריק. איין גרויען פארטאגס, מיטוואך בשלח תשע״ד, האט ער פלוצים צוריק געקערט זיין אויסגעלייטערטע נשמה אינמיטן שלאף למנוחה נכונה תחת כנפי השכינה מיט א מיתת נשיקה ווי צדיקי עליון.

די לוי׳ איז צוערשט ארויס פון היכל הישיבה – המספיק ״דעי העב״ צענטער אין מאנסי, וואו צענדליגער חברים האבן זיך געזעגנט און באגלייט די מיטה מיט טרויער און צער.

מו״ה מאיר ווערטהיימער הי״ו, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון המספיק אוו ראקלענד, האט מיט רירנדע ווערטער געשילדערט אין זיין הספד וואספארא זכי׳ עס איז געווען אזויפיל יארן צו העלפן אזא נשמה טהורה ונקי׳, און אז ווען ער קומט ארויף בגן עדן העליון, זיך טרעפנדיג מיט זיינע אבות הקדושים און זיין חשוב׳ע מוטער הרבנית הצדיקת ע״ה וועלכע איז קורץ פריער נסתלק געווארן, זאל ער איינרייסן פאר זיין חשוב׳ן טאטן שליט״א און פאר אלע וועלכע האבן זיך אזוי געטריי אפגעגעבן מיט אים, איבערהויפט דער מענעדזשער פון דעי העב, מו״ה פנחס קנאפפלער הי״ו, און אויך פאר זיינע חברים און אלע וועלכע דארפן ווייטער הילף.

צום שלוס פון זיין הספד האט ר׳ מאיר ערוועגט אז המספיק וועט נישט פארשפרעכן דעם חשוב׳ן נפטר, מען וועט לערנען משניות לעילוי נשמתו, און ער זאל אונז אויך נישט פארגעסן אין גן עדן העליון.

און המספיק האט געהאלטן ווארט. צום סעודת שלשים, ביים ערשטן יארצייט, און היי יאר ווידעראמאל צום צווייטן יארצייט, האבן די בחורים פון ישיבה אינאיינעם מיט די שטאב געפראוועט א סיום אויף א מסכת משניות וואס זיי האבן געלערנט לעילוי נשמתו הטהורה של הב׳ שלמה ע״ה בן יבלחט״א רבי חנוך העניך שליט״א.

במשך די וואכן פאר׳ן יארצייט האבן די חשוב׳ע בחורים פלייסיג געלערנט אינאיינעם משניות מסכת מגילה, און מיט געמישטע געפילן האט מען זיך געגרייט צום סעודת סיום בעצם יום היארצייט ז׳ שבט, זונטאג פרשת בשלח.

צו דער באשטימטער שעה האט דער עולם זיך געוואשן צו די סעודת יארצייט. בראש פון די מסיבה האט מכהן פאר געווען דער חשובער פאטער, כ״ק אדמו״ר מסאסוב שליט״א פון מאנסי, וועלכער איז פערזענליך געקומען זיך משתתף זיין ביים געהויבענעם מעמד. דער עולם האט זיך אויפגעשטעלט בהדרת קודש אויפצונעמען דעם גאסט מיט׳ן ריכטיגן כבוד.

דער סאסובער רבי שליט״א האט מכבד געווען איינעם פון די נאנטע חברים, הבה״ח מתמיד בלימודו וירא שמים מרבים מו״ה אליעזר פריעדריך הי״ו, צו מאכן דעם סיום אויף משניות מס׳ מגילה, צוזאמען מיט׳ן געטרייען שטאב מיטגליד מו״ה יצחק ראזענטאהל הי״ו. דער רבי האט דערנאך געזאגט קדיש דרבנן, און די אמן׳ס און אמן יהא שמי׳ רבא׳ס פון די חשוב׳ע בחורים און סטעף האבן געהילכט ווייט ווייט, ארויף עד לב השמים.

דער געהויבענער גאסט שליט״א האט דאן געטרונקען לחיים און טועם געווען, און דערנאך געטיילט לקח און גרעיפ דזשוס פאר׳ן גאנצן עולם וואונטשנדיג לחיים טובים ולשלום פאר יעדן באזונדער. דערנאך האט דער רבי שליט״א אויפגעטרעטן מיט דברות קודש והערכה, דערציילנדיג פאר די שטאב מיטגלידער ווי שטארק שלמה ז״ל פלעגט ליב האבן צו קומען אין ישיבה תורה וחסד פונעם דעי העב, יעדן איינציגן טאג.

אויפהייבנדיג דעם עולם מיט געוואלדיגע חיזוק רייד, האט דער רבי שליט״א ארויסגעברענגט ווי שטארק שלמה׳לע האט באוויזן מיטצוהאלטן דאס מערסטע יעדע מאורע, נעמענדיג א טייל טראץ זיינע ערנסטע באגרעניצונגען, און שטארק געמוטיגט זיינע געטרייע חברים ווייטער צו שטייגן מעלה מעלה. צום שלוס האט דער רבי הארציג געדאנקט די געטרייע המספיק שטאב פאר אלע יארן פון געטרייע הארעוואניע לטובת שלמה׳לע ע״ה.

נאך די געהויבענע דברות קודש, האט אויפגעטרעטן מו״ה מרדכי דוב נייהויזער הי״ו, מגי״ש אין ישיבה תורה וחסד, וועלכער האט געהאט די געוואלדיגע זכי׳, אין די ווערטער פונעם געטרייען מענעדזשער מו״ה פנחס קנאפפלער הי״ו, ״צו מאכן שלמה׳ס לעבן די זיסטע וואס מעגליך.״ ר׳ מרדכי דוב האט אויסגעדרוקט די בענקעניש נאך שלמה׳לע, דערמאנט דעם לעבעדיגן שמייכל וואס איז שטענדיג געווען אויסגעגאסן אויף די איידעלע צורה פון שלמה ז״ל, און ווי טיף עס איז דער חלל ווען ער איז מער נישט דא. ״אבער ער וועט אונז זיכער געדענקען פון אויבן און מתפלל זיין פאר אונז,״ האט ער געזאגט.

שפעטער איז געווארן טונקל אין זאל און עס האט זיך אנגעהויבן א בילדער פרעזענטאציע פון הב׳ שלמה׳ס רייכע היסטאריע אין ״ישיבת תורה וחסד״ פון דעי העב. שטענדיג אנגעטאן מיט׳ן גאנצן רבי׳שן לבוש כנהוג בבית אבורבוה״ק זי״ע, אן קיינע שום פשרות, פלעגט הב׳ שלמה ז״ל האבן זיין באשטימטן פלאץ אויפ׳ן מזרח טיש ביי אלע מסיבות. ער האט שטענדיג אלעס מיטגעהאלטן, מיטגעזינגען כפי היכולת, און צו יעדע געלעגנהייט געשריבן נאטיצן צו צייגן זיין אינטערעס, צופרידנהייט, און בקשות ווען ער האט געוואלט עפעס. און כמים פנים אל פנים האבן די געטרייע שטאב מיטגלידער אויסגעהערט אלעס, און צוגעשטעלט יעדע זאך בסבר פנים יפות.

דאס אלעס האט מען געזען אזוי נאסטאלגיש אויף די בילדער, סיי אין ישיבה תורה וחסד זעלבסט, ביי די שיעורים, מסיבות, פרייליכע אקטיוויטעטן, און סיי ביים ארויספארן וואו אימער. שטענדיג האט ער געהאלטן דעם זעלבן אצילות׳דיגן חן. די בילדער פרעזענטאציע איז געווארן צוזאמגעשטעלט דורך זיין לאנגיאריגן שטאב מיטגליד אין דעי העב, דער טאלאנטפולער מו״ה משה פריעד הי״ו, וועלכער האט געהאט די זכי׳ צו זיין מיט הב׳ שלמה ז״ל גאר אסאך, אין אלע סארט אומשטענדן.

מו״ה יחזקאל לעווי הי״ו, א בארימטער זינגער און געטרייער שטאב מיטגלידער, האט עראינערט זיסע זכרונות מיט שלמה ז״ל צוריק גייענדיג לאנגע יארן. דאן האט ר׳ יחזקאל אונטערגעהויבן זיין צוקערדיגע לייבן שטימע און אראפגעלייגט הארציגע יארצייט ניגונים. דער עולם האט מיטגעזינגען מיט א געוואלדיגע התעוררות אזש עס זענען געבליבן ווייניג טרוקענע אויגן אין זאל.

טיף אינספירירט איז דער עולם זיך צוגאנגען מיט ווארימע געפילן, מיט זכרונות פונעם טייערן בחור ז״ל וועלכער וועט זיין א גוטער בעטער און מליץ טוב זיין כל מילי דמיטב. ■



המספיק סענטראל אינטעיק
HAMASPIK CENTRAL INTAKE
Orange County 845-774-0300
Rockland County 845-503-0200
Kings County 718-408-5400
המספיק קעיר
The name you trust for all your HOME CARE needs!
Call Toll Free
855-HAMASPIK
(426-2774)

# המספיק בליצן

פארלאפענעם חודש שבט, ביים חודש'ליכן אפדעיט פון די "גאזעט" פאסט-ליסטע, איז דער ציפער דראמאטיש ארויפגעשפרינגען באיכות ובכמות. אריבער צוויי טויזנט אדרעסן זענען צוגעקומען. וואס איז אינטערעסאנט איז די פרישע פנים'ער וואס מען באמערקט פון די פרישע היימישע ישובים אין בלומינגבורג, מאנטיסעלאו, עלענוויל, ארום לעיקוואוד און די גלילות ארום מאנסי.

המספיק דאנקט דעם רבש"ע אויף די זכי' ארויסצוגעבן אזא צייטונג וועלכעס איז באמת ריין און אויסגעהאלטן, תוכנ'דיג און געשמאק פון דעקל צו דעקל.

דער גאזעט דינט דעם דרייפאכיגן ציל פון ארויסברענגען הכרת הטוב און אנערקענונג פאר די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש אינערהאלב די אגענטור, אינפארמירן די חשוב'ע עלטערן פון די טייערע קינדער שיחיו איבער די אקטיוויטעטן בתוככי די המספיק פראגראמען, און צו אינפארמירן גאנץ כלל ישראל מיט אקטועלע חידושים און נייעס אינעם פעלד פון געזונטהייט, פיזיש און גייסטיש, רעגירונגס און מעדיצינישע נייעס און איינוועגס אויך העלפן אראפנעמען די "סטיגמע" פון מענטל העלט און ספעציעלע געברויכן בס"ד.

דער סטרוקטור פונעם גאזעט גייט אין די טעג אריבער הערליכע רענאוואציעס אונטער די קוליסן. געוויסע ארטיקלען און רובריקן זענען צוליב דעם ארויסגעפאלן דא און דארט במשך די פארלאפענע חדשים, עס לוינט זיך אבער פאר די חידושים וואס קומען בעז"ה אין די גאר נאנטע צוקונפט. ליינט און האט הנאה!

*

אין אנדערע טעגליכע העדליינס האט דער שרייבער פון די שורות ווידעראמאל מיטגעהאלטן וואס דאס מיינט הארץ. אינמיטן א שמועס מיט מו"ה אליעזר אפפעל הי"ו, דירעקטאר פון טרענירונגען און "קוואליטי-אימפראוומענט" אין המספיק אוו ראקלענד קאונטי, האט זיך דער טעלעפאן פון ר' אליעזר צופיפן. ר' אליעזר כאפט א בליק, און זאגט איין מינוט, דאס איז א וויכטיגע טעלעפאן קאל וואס איך מוז אויפהייבן.

"אסתר, ש'כח פאר מיך רופן דערמאנען! כ'האב געוואוסט איך קען זיך פארלאזן אויף דיך אז דו וועסט מיר רופן. יא, בעז"ה כ'וועל דיר ברענגען א "קאנעקשנס", "מאנסי וויו", און "תכלית". יא, יא נישט קיין פראבלעם, ש'כח, ש'כח!"

ווי עס שטעלט זיך ארויס איז דאס א וועכנטליכע פרייליכע טעלעפאן קאל. ר' אליעזר וזוג' החשובה תחי' דינען אויך אלס טאטע, מאמע, מענעדזשער און ליוו-אין ביים "בעיקערטאון שוועסטערהיים" אין קרית יואל. איין טייערע מיידל תחי' בעט יעדע וואך מיטוואך פון ר' אליעזר'ן אהיימצוברענגען אלע וועכנטליכע אויסגאבעס וועלכע קומען ארויס אין מאנסי. מיט אזא ייש"כ איז נישט קיין וואונדער אז שוין יארן וואס אסתר תחי' פארפאסט נישט קיין מיטוואך פון מחי' זיין ר' אליעזר מיט איר דערמאנונג.

*

ביי המספיק אין קרית יואל איז געווארן אויפגענומען א נייער "האום ליעזאן" ביים בליענדן "המספיק פעמילי קעיר" פראגראם, מו"ה אברהם לאוב הי"ו.

"המספיק פעמילי קעיר" איז דער פראגראם וואס העלפט טרעפן פאסיגע ווארימע משפחות ארייצונעמען א ספעציעלן קינד אין שטוב ווען נויטיג. ביים היינטיגן טאג איז "המספיק" די גרעסטע נאן-פראפיט אגענטור אין דעם געביט, איבער גאנץ ניו יארק סטעיט.

אויסער די געטרייע ארבייט נויטיג מיטצוארבעטן טעגליך מיט די עקזיסטירנדע "פעמילי קעיר פראוויידערס" איז אין קרית יואל פארהאן א געברויך צו טרעפן פאסיגע משפחות וואס זענען גרייט צו טאן די עבודת הקודש, און טאקע היינט נאך מער ווי פריער.

מיר ווּאונטשן פאר'ן נייעם ליעזאן ר' אברהם ני"ו פיל הצלחה און סייעתא דשמיא אין די אחריות'דיגע אויפגאבע.

*

א פרישע פאזיציע איז געגרינדעט געווארן אין המספיק אין קרית יואל, און דאס איז צו פארפיגן איבער די בליענדע עמפלוימענט פראגראמען און די מענער אפטיילונג פון "שנות חיים" – דער טעגליכער פראגראם פאר עלטערע, און יונגערע וועלכע זענען בארעכטיגט אויף מענעדזשד לאנג טערם קעיר.

אויף די אחריות'דיגע פאזיציע איז אויפגענומען געווארן מו"ה יואל גרינפעלד הי"ו. מיר ווּאונטשן אים פולע הויפענס הצלחה און סייעתא דשמיא אין די עבודת הקודש.

*

אין המספיק אוו קינגס קאונטי איז פארגעקומען אן "אודיט" דורך די "או. פי. דאבעליו." רעגירונג אגענטור אויפ'ן גאנצן "דעי העב" פראגראם, מענער און פרויען אפטיילונגען צוגלייך.

די גאנצע גרונטליכע אונטערזיכונג איז נאטורליך נאר געווען א זייטיגע עפיזאד אין לויף פון רוטינעם טאגעס-ארדענונג, ווען די רעגירונג באאמטע האבן מיטגעהאלטן טייל פון וואס ווערט דא באריכטעט, און בלויז געקענט צושטימען אז נאך אן אודיט איז אדורך הערליך ריין, דאס איז די בעסטע וואס נאר שייך, אשרינו מה טוב חלקינו.

עס קומט גרויס הכרת הטוב פאר אלע געטרייע שטאב מיטגלידער, אנגעהויבן פון די פילע געלונגענע "דירעקט סופארט" שטאב מו"ה חיים מאיר גראסס הי"ו, מו"ה יוסף רובינשטיין הי"ו, מו"ה משה אליעזר פרענקל הי"ו, מו"ה אלימלך געלב הי"ו, מו"ה משה בער שווארץ הי"ו, מו"ה מענדיל פעדער הי"ו, מו"ה יחזקאל קליין הי"ו, מו"ה יצחק ראזענבוים הי"ו, ווי אויך די געהילף מענעדזשער מרת טויב תחי', אדמיניסטראטיווע געהילף מס. לעווי תחי', מרת נייווירטה תחי', מרת וויטריאל תחי', מרת שטיין תחי', מס. עטינגאף תחי', מס. גוטמאן תחי', מס. זיידענפעלד תחי' און מס. וויינגארטן תחי'. ועל צבאם די געטרייע טיכטיגע ארבייט פונעם טאג סערוויסעס דירעקטאר, מו"ה יהודא שפענגאלעט הי"ו.

מו"ה יואל פריינד הי"ו, עקזעקיוטיוו דירעקטאר, האט ווי דער שטייגער ארויסגעשיקט קורץ נאך יעדע אודיט באזונדער אן אינערליכע קאמיוניקאציע איבער גאנץ המספיק ארויסצולויבן די געטרייע ארבעט און הילף פון די חשוב'ע עוסקים במלאכת הקודש, און דעם געוואלדיגן קידוש השם וואס דאס האט געברענגט. ישלם ד' פעלם!

*

קוים עטליכע טעג שפעטער איז פארגעקומען א גרונטליכע "סורוועי" אויף די "סערוויס קאארדינעישאן" פראגראם ביי המספיק אין קינגס קאונטי, נאכקוקנדיג די ווירטשאפט פון אדרעסירן אלע געברויכן פון די אינדיווידועלן וועם די אגענטור האט די זכי' צו סערווירן, צייטליך, וויפיל עס איז מעגליך לויט די פארשריפטן פון די "או. פי. דאבעליו." סטעיט אגענטור.

אין ליכט פון די הערליך פאזיטיווע רעזולטאטן, ווערט אויסגעדרוקט הכרת הטוב פאר די געטרייע סערוויס קאארדינעיטארס, מו"ה נפתלי ווייזער הי"ו, מו"ה משה גאלדבערגער הי"ו, מרת פעלדמאן תחי', מרת פריינד תחי', מרת בערגמאן תחי', מרת גאלדשטיין תחי', מרת לאווינגער תחי', מרת אייזיקאוויטש תחי', מרת ראזענפעלד תחי', מס. לייטנער תחי', מס. סטרולאוויטש תחי', און איבער אלעמען די געטרייע פירערשאפט פון די "עם. עס. סי." סופערוויזערס מרת זילבערמאן תחי' און מרת שושיצקי תחי', און "בענעפיט און בארעכטיגונג קאארדינירער" מו"ה משה שעכטער הי"ו.

די טעגליכע ארבייט פון די אלע געטרייע שטאב מיטגלידער איז צו פארגרינגערן דעם מצב ביי הונדערטער ספעציעלע קינדער און ערוואקסענע, און זייערע חשובע עלטערן, וויפיל עס איז מעגליך. אבער טראץ וואס די ארבייט איז צו פארגרינגערן, איז די טאג-טעגליכע ארבייט אליינס נישט גרינג.

המספיק און די געהאלפענע משפחות אנערקענען די עבודת הקודש פון די אלע חשובע אידן און אידענעס, און אצינד איז געקומען נאכאמאל די רייע אויף די רעגירונג באאמטע אין אלבאני און וואשינגטאן, און זייערע ביוראען אין אפסטעיט ניו יארק, צו אנערקענען די זעלבע זאך, לקדש שם שמים. ■


אכטונג ביזנעסער, שפיטעלער, צדקה ארגאניזאציעס, קאמפיין מענעדזשערס, דאקטוירים, געשעפט אייגנטומער, מוסדות אדמיניסטראטארן, מארקעטינג מענעדזשערס און ביזנעסלייט

**רעדט צו כלל ישראל - דורך "המספיק גאזעט"**

רופט היינט 718-266-9742

עקסטענשאן 303

המספיק גאזעט ווערט ב"ה געליינט אין וויליאמסבורג - בארא פארק - קרית יואל - מאנסי - סקווירא - נייטרא - קאשוי - מאנטרעאל - טאהש - מיאמי - לאס אנדזשעלעס - באלטימאר - וויען - מאנטשעסטער -מעלבורן - לאנדאן - אנטווערפן - ירושלים עיה"ק - בני ברק - בית שמש און נאך






אין די פאר קאלטע טעג האבן די חשוב'ע בחורים פון ישיבת תורה וחסד שע"י המספיק און קינגס קאונטי זיך מחי' געווען מיט געשמאקע 'אינדור' אקטיוויטעטן





שעת הכושר:

# א נייע טעאריע פארוואס קענסער באהאנדלונגען פאלן אדורך: נישט די ריכטיגע צייט

פון די ווייטאגליכסטע זאכן איבער קענסער טריטמענט איז די מאס פראבעס און דורכפעלער וואס מען גייט צומאל אדורך ביז מען טרעפט די ריכטיגע טריטמענט. עס איז נישט זעלטן אז א פאציענט דארף אדורכגיין צוויי, דריי אדער מער טעראפיס ביז מ'טרעפט איינס וואס ארבעט אדער מ'לויפט ח"ו אויס פון צייט.

פארשער ווייסן היינט אז די גענעטישע שטריכן פונעם פאציענט ערקלערן פארוואס געוויסע מעדיצינען ארבעטן ווי וואונדער ביי איינעם און נישט ביים צווייטן. אבער קענסער עקספערטן אין די מאסעטשוסעטס אינסטיטוציע פאר טעכנאלאגיע זענען יעצט אויפגעקומען מיט באווייזן אז טרעפן "די ריכטיגע צייט" איז נישט ווייניגער קריטיש.

די פארשער באריכטן אז זייער ארבעט האט געוויזן אז קענסער געוואוקסן גייען אדורך פארשידענע תקופות און שטאפלען, און אין געוויסע צייטן זענען זיי מער 'פאלגזאם' צו מעדיצינען ווי אין אנדערע. דאס מיינט אז עס קענען זיין "פענסטערלעך" פון צייט ווען מעדיצינען וועלכע האבן פריער נישט געארבעט וועלן יעצט יא מצליח זיין ביים זעלבן פאציענט.

די גרופע'ס געפינסן זענען געבוירן געווארן נאך אבזערוואציעס איבער דעם נייעם ארסענאל פון "טארגעטעד טעראפי" קענסער מעדיצינען וועלכע האבן קודם געוויזן גינסטיגע רעזולטאטן, אבער די געוואוקסן זענען צוריקגעקומען ביז צווישן 4 אדער 6 חדשים, ווען זיי זענען געווען מער שטאנדהאפטיג קעגן די מעדיצינען. דורך קאמפיוטער מאדעלן און עקספערימענטן איבער מייז, האבן זיי באמערקט אז ווען די געוואוקסן בויען אויף די שטאנדהאפטיגקייט גייט עס נישט אין א גראדע ליניע – דהיינו, זיי בויען נישט צוביסלעך אויף שטאנדהאפטיגקייט קעגן די טריטמענטס ביז מיט די צייט קענען די טריטמענטס זיי מער נישט בייקומען.

נאר וואס דען, עס געבט זיך אויף איינמאל א טויש פון א מצב וואו עס קעמפט נישט צוריק קעגן מעדיצין צו א מצב וואו עס באקעמפט עס יא, און די צייט פון דעם טויש איז אייגנטליך די שוואכסטע צייט ווען עס איז די מערסטע סענסיטיוו צו טריטמענטס.

"עס איז אזויווי מען טוישט א דאך פון א הויז," זאגט איין פארשער. "די הייקלסטע צייט איז נאכ'ן אראפנעמען די אלטע דאך אבער די נייע איז נאכנישט ארויפגעלייגט."

דאס מיינט אז אויב מען קען פון פאראויס וויסן וויאזוי דער געוואוקס וועט ווייטער גיין, קען מען צילן עס צו כאפן אין די ריכטיגע מינוט.

"אויב מיר ווייסן דעם גענויען וועג צו שטאנדהאפטיגקייט," פירט די שטודיע אויס, "דאן קענען מיר באזיגן די קענסער געוואוקסן." ■





**WHO'LL ANSWER THE CALL?**

*The Call Center @ Ptex Group is designed for smart businesspeople looking for a solution that'll serve as an "extension of the office." So give us a call and let's talk.* ***You run your business; we'll run your office.***

מיר קענען רעדן צו אייערע קליענטן **אידיש אדער ענגליש**

ANSWERING PHONES > SCHEDULING > ORDER PROCESSING > EMAIL HANDLING > BOOKKEEPING

TOLL FREE: 1.888.977.PTEX
**718.407.1700 • www.ptexgroup.com**

ptex group | Office + Call Center



פרנסה קלה ונקי'!

**פרישע געלעגנהייטן אין המספיק קעיר**

זוכט איר א געשמאקע סייד דזשאב?
"המספיק קעיר" נעמט יעצט אויף נאך יונגעלייט אויף געציילטע שעות און טאג, צו העלפן זקני בית ישראל גיין אין ביהמ"ד וכו'
ספעציעל פאסיג פאר כולל יונגעלייט!
מוז האבן א קאר.
פאר מער אינפארמאציע ביטע רופט
845-503-0801

מרבים בשמחה:

# המספיק שטעלט ערשטע טריט אין "מענטל העלט": אגענטור באשטעטיגט אלס "ביהעיוויארעל העלט האר"פ" פראוויידער

**אין היסטארישע בשורה טובה פאר יהדות ניו יארק דערגרייכט "מרכז עזרה לצרכי הציבור" פרישע ספעקטרומען מיט ערשטע מענטל-העלט איניציאטיוו ־ סטעיט באשטעטיגט המספיק צוצושטעלן "האום ענד קאמיוניטי בעיסד סערוויסעס" פאר ערנסטע מענטל-העלט באנוצער אונטער "האר"פ" ־ המספיק און קינגס קאונטי פירט דורך ערשטע פראבעס ב"ה מיט גרעסטע הצלחה ־ פראגראם אין ראקלענד קאונטי און ארומיגן ראיאן גייט בעז"ה אריין אין עפעקט קומענדיגן תשרי תשע"ז הבעל"ט**

(פארזעצונג פון זייט 1)

באהאנדלונגען וואס מען באקומט, איבערהויפט אין געביט פון טעראפי און קאונסלינג, זענען נישט ממש די בעסטע פאסיג פאר'ן מענטש.

דאס האט המספיק אנערקענט שוין לאנגע יארן צוריק, און די אגענטור האט אלץ געהאלטן אפן אן אויג צו לינדערן דעם קריזיס. ווען דער האַר"פ פענסטערל האט זיך געעפנט, האט די אגענטור זיך באלד גענומען ארבעטן אויף קעסל און כלים עס אהערצוברענגען פאר'ן היימישן עולם, כאטש, ווי געשמועסט, אפעקטירט עס ממש נאר יחידים – איז עס אבער דער שפיץ פונעם ריזן אייזבארג.

המספיק האט גוט געוואוסט אז דא רעדט מען פון א גאר קאמפליצירטע אונטערנעמונג, אן אפליקאציע וואס דארף אדורכגעזיפט ווערן אין אלבאני דורך די סטעיט 'העלט דעפארטמענט', 'אפיס אוו מענטל העלט' און 'אפיס אוו אלקאהאליזם און סובסטאנץ אביוז סערוויסעס'.

א שווערע ביוראקראטישע פראצעדור.

אבער ביי המספיק גילט נישט קיין "ניין" קיין יאוש אדער זעלבסט-אויפגעבונג. המספיק האט שוין ב"ה באוויזן צו דערגרייכן פילע גרויסארטיגע הילף פראגראמען און איניציאטיוון וועלכע האבן פון פאראויס געהאט דעם שמעק פון א דורכפאל, אפילו במשך לאנגע יארן, און דער גערוך איז עווענטועל אוועק מיט'ן קיל ווינטל פון טריאומף און הצלחה.

אויך דא האט די אגענטור געהאט דעם זעלבן אמונה און בטחון. לאנגיעריגע המספיק וועטעראן מרת קטינא תחי' האט אנגעפירט מיט'ן פראצעס, אינוועסטירנדיג בלוט און שווייס במשך לאנגע וואכן, שטענדיג אונטער די קוליסן ווי עס פאסט פאר ערפאלגרייכע שתדלנות.

די סטעיט האט אנגעהויבן דעם פראצעס פון איבערקוקן אפליקאציעס און באשטעטיגן ארגאניזאציעס וועלכע וועלן קענען סערווירן די האר"פ בענעפיטן, צוערשט אין ניו יארק סיטי, און סוף יאר '15 למס' האט די סטעיט אנגעהויבן באשטעטיגן פלענער אין די איבריגע סטעיט. אין ניו יארק סיטי איז המספיק אוו קינגס קאונטי באלד באשטעטיגט געווארן, און צווישן די ערשטע אין דעם "האדסאן ריווער ראיאן" איז המספיק אוו ראקלענד קאונטי באשטעטיגט געווארן.

יא, דא האלט מען ב"ה. עס איז א פאקט. דער חלום איז פארווירקליכט, און המספיק קען אפיציעל עפענען די טויערן פון א פראפעסיאנאלע אייגענע וואונקל צוצושטעלן ריכטיגע "האום ענד קאמיוניטי בעיסד סערוויסעס"

(פארזעצונג אויף זייט 17)



## "האַר"פ"

"האַר"פ" איז דער לעצטער אין די לאנגע סעריע ראשי תיבות וואס די "מעדיקעיד רידיזיין טיעם" (גרופע איבערצומאכן מעדיקעיד) האט אהערגעשטעלט זינט איר גרינדונג.

די עם. אר. טי. איז פארמירט געווארן דורך גאווערנער קאומא מיט 5 יאר צוריק ביים איבערנעמען דעם אפיס, אין ליכט פון שארפע וואשינגטאן רעטאריק אז מען מוז שניידן פון די אויסגאבן און דאס פירט אדורך אלע מעדיקעיד "רעפארמען" אין ניו יארק רבתי.

די עם. אר. טי. ארבעט איבערצומאכן דעם גאנצן סטרוקטור פון ניו יארק סטעיט'ס מעדיקעיד צו פארבעסערן און הייבן די "רעזולטאטן" פון העלט קעיר, און דורך דעם רעגולירן די קאסטן. זייער סלאגאן: א געזונטע פאפולאציע קאסט ווייניגער.

אונטער דעם פירן זיי אן מיט די באקאנטע אריבערגאנג צו "מענעדזשד קעיר" אונטער וועלכן מעדיקעיד צאלט מער נישט דירעקט פאר יעדע מעדיצינישע באהאנדלונג וואס א מעמבער באקומט. אנשטאט דעם צאלן זיי פאר אן אינשורענס פירמע, א שטייגער ווי פידעליס, וועלכע פירט אן מיט אלע געזונטהייט געברויכן פונעם מענטש. פידעליס, צב"ש, באקומט א באשטימטע סכום פער קאפ פון מעדיקעיד, און אויב ווילן זיי נאך בלייבן מיט א רעפטל אין טאש ברויכן זיי גוט מענעדזשען די העלט קעיר פונעם מעמבער אים צו האלטן ביים בעסטן געזונט.

אויף טעלערלעד:

## "מענטל העלט" גייט אריבער אונטער "מענעדזשד קעיר" - ברייטערע סערוויסעס און "האַר"פ" קומען מיט

**באקענט אייך מיט'ן "העלט ענד ריקאווערי פלאן" (האַר"פ) און מיט די "ביהעיוויארעל-העלט – האום ענד קאמיוניטי בעיסד סערוויסעס" וואס זי ברענגט**

דער אריבערגאנג צו מענעדזשד קעיר גייט שטאפלווייז. איצטער איז געקומען די רייע אויף מענטל העלט אריבערצוגיין אונטער "מענעדזשד קעיר". נו וויאזוי?

די עם. אר. טי. האט געשטעלט צען קאמיטעס וועלכע זאלן אויספירן אירע צילן. די גרופעס זענען צוזאמגעשטעלט פון רעגירונגס באאמטע, מומחים אינעם תחום און פירער פון ארגאניזאציעס אינעם פעלד.

איינס פון זיי, די "עם. אר. טי. ביהעיוויארעל העלט סאב-קאמיטע", איז צוזאמגעשטעלט פון 22 מיטגלידער וועלכע האבן באקומען די אויפגאבע אהערצושטעלן מהלכים צו רעפארמירן צום גוטן דעם סיסטעם וויאזוי "ביהעיוויארעל העלט" בענעפיטן ווערן סערווירט (ביהעיוויארעל העלט – אויפפירונגס געזונטהייט, איז אן איידעלערער נאמען פאר'ן געזונט פון געפילן, אויפפירונג און זעלישע וואוילזיין).

אויף די קאמיטע זיצן צווישן אנדערע מס. סאליוואן — סטעיט מענטל העלט קאמישענער, מס. באריאס — דאן ניו יארק סיטי דעפיוטי מעיאר, פאם ברייער — פרעזידענט פון מיימאנידעס, דר. שאך — הויפט דאקטער פון פידעליס קעיר, א מנין עקזעקיוטיוו דירעקטארן פון רעגירונגס אגענטורן און וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס, אדוואקאטן, פראוויידערס, אינשורענס פירמעס, און נאך.

נאך די זעקס מיטינגס פון די קאמיטע האבן זיי איבערגעגעבן צו די עם. אר. טי. זייערע רעקאמענדאציעס וויאזוי צו פארבעסערן בריאות הנפש. די "רידיזיין טיעם" האט אדאפטירט עטליכע פארשלאגן פון די קאמיטע בנוגע די אנטוויקלונג פון "מענעדזשד קעיר" פאר ביהעיוויארעל העלט.

אונטער די נייע רעגולאציעס וועט די סטעיט ערמעגליכן קוואליפיצירטע מענעדזשד קעיר אגענטורן איבער די סטעיט צו פארבעסערן מענטל העלט סערוויסעס איבער די סטעיט אין די פאלגנדע וועגן:

* געוועגליכע מענעדזשד קעיר פלענער: גאר מינימאלע ביהעיוו"ה געברויכן זענען ביז היינט סערווירט געווארן דורך געוועגליכע מענעדזשד קעיר פראוויידערס. אצינד, (ד.ה.: אין ניו יארק סיטי זייט דעם פאריגן אקטאבער: אינדרויסן פון די סיטי, פון סוף חודש סיון הבעל"ט, למס' יולי) טוען געוועגליכע מענעדזשד קעיר פלענער, אין אונזער משל — פידעליס, דעקן א צוגאבע פון ברייטערע ביהעיוויארעל העלט סערוויסעס, פון אינפעישנט ריהעב און מענטל העלט קליניק סערוויסעס ביז פסיכיאטרישע עמערדזשענסי

(פארזעצונג אויף זייט 17)

מרבים בשמחה:

# המספיק שטעלט ערשטע טריט אין "מענטל העלט": אגענטור באשטעטיגט אלס "ביהעיווארעל העלט האר"פ" פראוויידער

(פארזעצונג פון זייט ( 16 )

פאר אחינו בני ישראל וועלכע ליידן ליידער פון רויטע שטאפלען ביהעיוו"ה שוועריקייטן, ה"י.

המספיק'ס "הארפ" איניציאטיוו, אלזא, גייט ווי געשמועסט, צו סערווירן בעז"ה די ביהעיוויארעל-העלט געברויכן פון אונזערע ברידער און שוועסטער וועלכע ליידן פון מער קריטישע עמאציאנאלע שוואכקייטן, צייטווייליגע אדער לאנג-טערמיניגע, נישט בלויז מער ווי די טעראפי וואס זיי באקומען יעצט אין אלגעמיינע צענטערן און קליניקס, נאר מיט א מיסיע פון דעקן דעם פולן בילד.

"המספיק-האר"פ" טוט צושטעלן לויט די מעמבער'ס מעגליכקייטן און שוואכקייטן באשר הם, באקוועם, מיט הרחבת הדעת, און טאקע דורך די העכסט פראפעסיאנאלע דאקטוירים און טעראפיסטן וואס פארשטייען געוני אלעס ארום דעם קליענטעל. דאס איז געוני וואס המספיק וויל אזוי שטארק צושטעלן פאר'ן היימישן ציבור, פראקטישע הילף פאר עמאציאנאלע געזונטהייט, אויפ'ן היימישן סטאנדארט: סאמע בעסטע און שענסטע.

אין איין שורה, אלזא, איז דער ציל פון המספיק דא געווען אז פונקט ווי די אגענטור האט במשך די יארן אזוי דראמאטיש פארבעסערט די פונדאמענטן פון ספעציעלע הילף, באנייט דעם באגריף פון געטרייע האום קעיר און אנדערע נויטיגע פראגראמען, טוט המספיק דאס זעלבע אצינד מיט וויכטיגע טעראפי און קלינישע סערוויסעס וואס היימישע ברידער און שוועסטערס דארפן האבן צו קענען פירן און אנגיין מיט א רעלאטיוו סטאבילע לעבן.

אין ניו יארק סיטי, ווי דערמאנט, איז דער פראגראם שוין ב"ה אריין אין קראפט. המספיק אוו קינגס קאונטי האט אויפגענומען דעם יחיד מומחה, מו"ה דוד שאצקאמער הי"ו, א וועטעראן ספעציאליסט אין דעם פעלד, אנצופירן מיט די "האר"פ" אפעראציעס אין די סיטי, צום גרעסטן צופרידנהייט און פארגעניגן פון די מעמבערס וועלכע האבן זיך שוין אנגעשלאסן, און אלע זייערע נאנטע און פריינט.

## נו, פאר וועם? אפליקאציעס?

ביהעיוו"ה האוקאב"ס קען המספיק נאר סערווירן פאר "האר"פ" בארעכטיגטע. עס איז וויכטיג ווידעראמאל צו באטאנען: המספיק קען נישט באשטימען ווער זאל געניסן פון דעם פראגראם. המספיק קען נישט מער ווי צושטעלן די סערוויסעס פאר וועם די סטעיט באשטעטיגט דערצו. און צום דריטן מאל, אויב האט איר נישט באקומען א בריוו פון די סטעיט אז איר קענט זיך איינשרייבן אין א האר"פ פלאן, דאן ביטע רופט אייער מעדיקעיד סאושעל סערוויסעס געהילף אדער סופערוויזער, אדער דעם דירעקטן מעדיקעיד האר"פ נומער אויף 1-844-427-7999.

לייגט אודאי אויך צו די ריכטיגע השתדלות, א הייסע קאפיטל תהלים, און מיר האפן אז יעדער וואס דארף עס באקומען זאל עס גרינגערהייט באקומען.

פארוואס זאלט איר נישט רופן המספיק? ווייל אויב האט איר נישט באקומען א בריוו פון די סטעיט אז איר זענט בארעכטיגט דערצו קען אייך המספיק נישט העלפן. די סטעיט וועט עס נאר שיקן פאר וועם זיי באטראכטן אלס ערנסטער קאנדידאט אויף אינטענסיווע מענטל-העלט הילף, און קיין איין דרויסנדיגע אגענטור קען דערין נישט אריינרעדן.

אלזא, צו באקומען די סערוויסעס דארף מען נישט און עס איז ניטאמאל פארהאן אן אדרעס וואו אריינצושיקן אן אפליקאציע.

אין ניו יארק סיטי האט מען שוין ארויסגעשיקט די בריוון צו מעלדן פאר די בארעכטיגטע אז זיי קענען זיך פארבינדן מיט א "העלט האום" (א דעטאלירטע ערקלערונג איבער די און אנדערע טערמינען אינעם ארטיקל זעט אינעם זייטיגן קעסטל), און בעז"ה, דעם ערשטן אין אפריל למס', וועט די סטעיט אנהייבן ארויסשיקן בריוו פאר די געקליבענע ליסטע איבער ראקלענד און אראנדזש קאונטיס און דעם ארומיגן ראיאן, אז מען קען שוין אריבערנעמען די פולע "ביהעיוויארעל-העלט" בענעפיטן צו "מענעדזשד קעיר", און דורך דעם שוין אנהייבן געניסן פונעם "האר"פ" וועיווער.

אין די בריוון שטייט אויספירליך וואס מען דארף טון אין פאל מען וויל זיך נעמען דערצו. וואס זענען די ברירות, וואס צו טון ווייטער, און וואו צו באקומען מער אינפארמאציע.

אויב איר וואוינט אין קינגס קאונטי און איר האט נישט ערהאלטן אזא בריוו, און איר האלט אז איר געהערט אין די קאטעגאריע, רופט ניו יארק מעדיקעיד טשויס אויף 7999-1-844-427.

אין די קאונטיס פון ראקלענד, אראנדזש, והגלילות, וועלן די בריוון אנהייבן אנקומען, ווי געשמועסט, אנהייב אפריל למס', דהיינו פון שבת מברכים חודש ניסן און ווייטער. וכימי צאתנו ממצרים יראנו נפלאות, אלע אידישע קינדער זאלן זוכה זיין ארויסצוגיין מיגון לשמחה, מאבל ליום טוב ומאפילה לאור גדול, ונודה לך שיר חדש על פדות נפשנו. ■

---

אויף טעלערלעך:

## "מענטל העלט" גייט אריבער אונטער "מענעדזשד קעיר" ברייטערע סערוויסעס און "האר"פ" קומען מיט

### באקענט אייך מיט'ן "העלט ענד ריקאוועורי פלאן" (האַר"פּ) און מיט די "ביהעיוויארעל-העלט – האום ענד קאמיוניטי בעיסד סערוויסעס" וואס זי ברענגט

(פארזעצונג פון זייט (16)

פראגראמען. דאס איז פאר אלע מעדיקעיד מעמבערס.

* "העלט ענד ריקאוועורי פלענער" — "האַר"פּ": מעדיקעיד מעמבערס וועלכע ליידן פון כראניש-ערנסטע ביהעיוו"ה שוואכקייטן און נוצן מענטל-העלט סערוויסעס אויף א מאסשטאבליכן פארנעם, ווערן בארעכטיגט צו געניסן פון א שפאגל נייע פלאן גערופן "האַר"פּ". זייערע "מענעדזשד קעיר" מענעדזשערס, ווי צב"ש פידעליס, וועלן אנהייבן דעקן פאר זיי ביהעיוו"ה סערוויסעס אויף גאר אן ערנסטן אופן, ויקרא שמו "העלט ענד ריקאוועורי פלענס" — "האַר"פּ".

די ביידע 'אפדעיטס' זענען דערווייל נאר פאר ערוואקסענע מעדיקעיד מעמבערס פון 21 יאר און העכער. פאר יונגערע אונטער 21, גייען ערנסטערע ביהעיוו"ה סערוויסעס ווייטער דירעקט אונטער מעדיקעיד. עס ליגט אויפ'ן טיש אויסצובררייטערן אויך זייערע ביהעיוו"ה בענעפיטן אונטער מענעדזשד קעיר איינמאל וואשינגטאן באשטעטיגט עס, ווארשיינליך ביז יאר '17 למס'.

## בנב"ל וכנור זמרו לו

וואס איז דאס "האַר"פּ"? "העלט ענד ריקאוועורי פלענס" אין אידיש — "געזונטהייט און ערהוילונג פלענער", צילן צו העלפן זייערע מעמבערס ארויסקריכן פון זייערע קריטישע מצבים, אבער טאקע ביז א פולקאמע ערהוילונג. אנגעהויבן מיט פסיכאלאגישע הילף, טעראפי און שטיצע וואס יעדע מענעדזשד קעיר פלאן שטעלט צו, אין צוגאב מיט ברייטערע ספעציעלע סערוויסעס צו העלפן מענטשן מצליח זיין בעסער אין לעבן, זיך איינצוגלידערן אין די ארבעטס-וועלט און אין זייער געמיינדע, און מען לאזט נישט אפ די האנט ביז די מעמבערס וועלן בס"ד דערגרייכן סטאביליטעט אין לעבן.

יעדער וואס איז בארעכטיגט צו געניסן פון א "העלט ענד ריקאוועורי פלאן", וועט זיין מענעדזשד קעיר אגענטור אים דעקן איינער וועלכער זאל קאארדינירן אלעס וואס דער קליענט ברויך האבן, אין רעגירונגס שפראך ווערט דאס גערופן "ביהעיוויארעל העלט-האום". דאס ערשטע וועט די העלט-האום אדורכפירן אן אפשאצונג צו זען אין וועלכע סערוויסעס דער מעמבער נויטיגט זיך און זען אז ער/זי זאל עס באקומען.

אויב די העלט-האום באשטימט אז דער קליענט נויטיגט זיך אין מער ערנסטע סערוויסעס, קען ער ווערן בארעכטיגט צו געניסן פון א רייע הילף-סערוויסעס גערופן "ביהעיוויארעל-העלט האום ענד קאמיוניטי בעיסד סערוויסעס" אין רעגירונגס זשארגאן איז עס, כנהוג, פאר ראשי תיבות'ט געווארן צו, "בי.-עיטש. עיטש.-סי.-בי.-סי.".

די האום ענד קאמיוניטי בעיסד סערוויסעס באשטייט פון א זאפטיגן בענעפיט פעקל וועלכעס וועט בס"ד ארויסציען דעם מעמבער פון זיין גלות בתוך גלות, און צוריקשטעלן אלס געהעריגער פראדוקטיווער מיטגליד אין זיין קהילה. ווי אלעס אין די פעלדער פון מענטל, דעוועלאפמענטל און ביהעיוויארעל העלט, ווערן אלע סערוויסעס געבויט אויפ'ן פונדאמענט פון "פערסאן סענטערד" — ד. ה. אז אלעס דרייט זיך ארום דעם פערזאן וועלכער באקומט די סערוויסעס. ער האט דאס ערשטע און לעצטעווארט וואס יא און נישט צו טון — נישט ביוראקראטיע.

אין אידישע איבערזעצונג הייסט דער בענעפיט פעקל "היים און קהילה באזירטע סערוויסעס," ווערנדיג זאגאר צוגעשטעלט דוקא ביים מעמבער אינדערהיים, אין זיין/איר געגנט און קהילה. דער ציל איז נישט בלויז צוריקצוברענגען צום געזונט, דאס קען מען טון אין א 'ריהעב' אדער 'אינפעישנט' אינסטיטוציע. דער ציל איז א קיילעכיגע "ערהוילונג!" רפואה שלימה! דער מענטש זאל פון א שווערע אדורכגאנג דערגרייכן זיין אמת'ע מעגליכקייט און פאטענציאל, שטאנד אין קהילה און פראדוקטיוויטעט אין שטוב, ביז צום עקסטרעם.

אלזא, אין קורצן, האר"פ איז א ספעציעלע מענעדזשד קעיר פלאן ספעציעל צו סערווירן מענטשן מיט גאר ערנסטע ביהעיוו"ה שוועריקייטן.

* נאר ווער עס באקומט א בריוו פון די סטעיט אז ער איז בארעכטיגט אויף האר"פ קען עס באקומען.

* "הארפ"ס" דעקן פרישע סערוויסעס, "ביהעיוויארעל העלט האומס" און פאר געוויסע מעמבערס, אויך "קאמיוניטי בעיסד סערוויסעס".

* א קעיר מענעדזשער, פראוויידערס און די מענעדזשד קעיר פלאן וועלן ארבעטן אינאיינעם צו העלפן דעם האר"פ מעמבער לעבן א בעסערע לעבן, אריינגערעכנט באקומען און אנהאלטן דזשאבס, זיך לערנען א פאך און גראדואירן, מענעדזשן סטרעס און לעבן זעלבסטשטענדיג. ■

---

לייגט אוועק די טעלעפאן נומער פון המספיק-קעיר אין א גוטע אבער געדענקבארע פלאץ

1-855-HAMASPIK אדער 1-855-426-2774

# פרישע סאטעליטן באשטעטיגט פאר "ניישא ארטיקל-16 טעראפי קליניק"; "איפסי"ד" וועט אנפולן די איבריגע לעכער

"ארטיקל-16" קליניקס קענען מער נישט געבן סערוויסעס אינדרויסן פונעם קליניק - דרויסנדיגע לאקאלן ווערן באשטעטיגט אלס סאטעליטן - המספיק דעי־העבס סערווירן ב"ה ווייטער אלע טעראפיס פאר די טייערע בחורים און מיידלעך אן קיין שום טויש

"ארטיקל-16" איז דער טיטל פון טעראפי-קליניקס וועלכע סערווירן מענטשן מיט ספעציעלע געברויכן מיט צוגעפאסטע טעראפיס און קאונסלינג. טעראפיסטן פון אזא קליניק האבן ביז לעצטנס געקענט זען קליענטן סיי אינעם קליניק און סיי אינדרויסן – אין דעי העביליטעישן צענטערן, גרופע-היימען, און נאך. דער בארימטער "ניישא ארטיקל-16 קליניק" האט אזוי מחי' געווען הייליגע אידישע נפשות איבער'ן גאנצן טריי-סטעיט ראיאן ברב פאר והדר.

דערוויילע, וואשינגטאן שניידט און רייסט וואו מען קען נאר. דא האבן זיי געכאפט א מציאה. די פעדעראלע "סענטער פאר מעדיקעיד און מעדיקעיר" (סי. עם. עס.) האט באמערקט אז ניו יארק סטעיט ערלויבט די קליניקס צו זען קליענטן וואו אימער, וואס לויט זייערע רעגולאציעס איז אן ארטיקל-16 קליניק קיינמאל נישט געווען באשטעטיגט צוצושטעלן טעראפי אינדרויסן פון די ווענט פונעם קליניק! סארא מין איז דאס צו פראווען קליניק אין דעי-העבס און גרופע-היימען? אלזא, הרצים רוכבי הרכש האחשתרנים בני הרמכים יצאו דחופים בדבר הסי. עם. עס., והדת ניתן אז אן "ארטיקל-16" טעראפי קליניק ברויך זען די פאציענטן דוקא אינעם קליניק אדער אירע אפיציעלע סאטעליט אפיסעס.

דאס האט געשאפן א שרעקליכער לאך. נישט אלעס קען מען געבן אין קליניק! א ריזן טייל פון די סערוויסעס ווירקן אסאך בעסער פאר יעדן אויב זיי ווערן געגעבן אינדערהיים אדער אין "דעי-העב". פון די אנדערע זייט, די טעראפיס זענען נישט עפעס אויף וואס מען קען מוותר זיין.

איז אלבאני אויפגעקומען מיט א געוואלדיגע המצאה. אלע דרויסנדיגע "סערטיפייד" פלעצער וואו מ'האט ביז היינט געגעבן טעראפי, דאס הייסט פלעצער וועלכע זענען באשטעטיגט דורך די או. פי. דאבליו. די. די. – א שטייגער ווי "דעי-העביליטעישן" צענטערן, וועלן ווערן אנערקענט אלס אפיציעלע "סאטעליט אפיסעס" פונעם קליניק, גע'טובל'ט און כשר וישר.

ביי המספיק'ס "ניישא קליניק" דער ארטיקל-16 טעראפי צענטער וועלכע טראגט די זכי' צו סערווירן פילע צענדליגער אידישע קינדערלעך מיט פיזיקעל, אקיופעישינעל, נערונג און פסיכאלאגישע הילף, האט אין ליכט פון די פרישע רעגולאציעס אונטערגענומען דעם פראיעקט מכשיר צו זיין אלע לאקאלן.

מו"ה יואל ברעכער הי"ו, ענערגישער דירעקטאר פונעם קליניק, איז במשך די וואכן פאר'ן טויש ארומגעפארן איבער אלע דרויסנדיגע פלעצער, סיי המספיק-פראגראם לאקאלן און סיי אנדערע וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס, וואו דער קליניק זעט קליענטן, און זיכער געמאכט אז די צימערן וואו מ'איז עוסק במלאכת הקודש זאלן נאכקומען די רעגולאציעס און פארשריפטן צו קענען דינען אלס "סאטעליט קליניקס".

די גוטע פירות האבן זיך אנגעזען ווען די או. פי. דאבליו. די. די. אינספעקטארן האבן באזוכט אלע באשטימטע פלעצער און מיט התפעלות באשטעטיגט איינס נאך דאס אנדערע אלס סאטעליט אפיסעס.

אלזא אצינד, אין צוגאב צום צענטראלן קליניק אפיס אין המספיק אוו קינגס קאונטי הויפטקווארטיר, און דער ערשטער סאטעליט – געגרונדעט מיט צוויי יאר צוריק, טאקע אום חודש אדר תשע"ד, אין קרית יואל, פארמאגט דער ניישא-קליניק נאך א טוץ באשטעטיגטע סאטעליט אפיסעס אויסגעשפרייט איבער א רייע אגענטורן אינערהאלב קינגס, ראקלענד און אראנדזש קאונטיס, טעראפי ווערט ווייטער סערווירט אין אלע המספיק דעי העב לאקאלן אויפ'ן העכסטן פארנעם, צום גרעסטן צופרידנהייט פון אלע קליענטן און זייערע עלטערן.

אנדערע לעכער זענען אבער נאך געבליבן אנצופילן – פריוואטע היימען, גרופע-היימען, רעספיט לאקאלן, און סיי וואס פאר א לאקאל וואס איז נישט באשטעטיגט דורך די או. פי. דאבליו. די. די. אלס אפיציעלע סערוויס לאקאל.

אין א היים וואו מענטשן וואוינען קען מען נישט עפענען א טעראפי אפיס, נו וואס'זשע וועט זיין מיט אלע טייערע קינדערלעך וועלכע נויטיגן זיך אזוי וויכטיג אין טעראפי הילף, סערווירט דוקא אין שטוב.

דער ענטפער: א לאנגער נאמען און אודאי א ראשי תיבות כמנהג אלבאני מקדמת דנא "אינדעפענדענט פרעקטישינער סערוויסעס פאר אינדיווידועלס וויט דעוועלאפמענטל דיסעביליטיס", אין קורצן "איפסי"ד" (IPSIDD).

אידיש גערעדט, אונטער דעם פראגראם קען א טעראפיסט זעלבסטשטענדיג סערווירן מענטשן מיט ספעציעלע געברויכן, אפילו אויסער די ווענט פון אן אפיציעלן קליניק אדער סאטעליט.

איפסי"ד גייט בעז"ה עמטליך אריין אין קראפט קומענדיגן ערב שבת קודש שמיני – פרה – מברכים ניסן און דערמיט וועלן אלע הייליגע נשמה'לעך ווייטער באקומען די נויטיגע הילף און טעראפי אין אלע געביטן אן אויפהער און אן אפילו וויסן וויפיל בלוט און שווייס איז אריין דערין דורך די געטרייע עוסקים בצרכי ציבור באמונה. אבער נישט געזארגט, הקדוש ברוך הוא ישלם שכרם בכל מדה נכונה, אמן. ■



זה השער:

# המספיק ״צענטראלע אינטעיק״ עפנט רעגירונגס-הילף טויערן פאר נייע און אלטע בענעפיטירער

(פארזעצונג פון זייט 2 )

אויפגאבע איז צו העלפן די עלטערן, און כ׳פריי זיך אז כ׳האב זיי געקענט אויסהערן, באגלייטן און אפילו טרעפן די הילף.״

״אויב איך מעג פרעגן,״ האט דער שרייבער פון די שורות זיך נישט געקענט איינהאלטן, ״פון וואו נעמט ״איר״ די כוחות? וויאזוי קענט איר זיך אזויפיל צוזאמהערן, העלפן אזוי פעסט און פראקטיש מיט אלע ביינער, אבער צונאזאם מיט דאס מערסטע הארץ און געפיל!?״

״דער קומענדיגער טעלעפאן רוף. איך ווייס אז אויב כ׳וועל צוזאמברעכן וועל איך נישט קענען העלפן דעם קומענדיגן מענטש. שטארקט מען זיך, מ׳רעדט זיך אויס צום אב הרחמים, און מ׳לויפט באלד צום קומענדיגן הילפס רוף. ענטפערן נאך א הילפס-רוף, העלפן נאך א פארפאלק, דאס שענקט מיר די חיזוק.״

## איין נומער

נישט קיין חילוק וואס דער פראבלעם, רופט מען ״אינטעיק״ און זיי פירן שוין ווייטער וואו מען דארף.

המספיק סערווירט היינט בחסדי ד׳ א ברייטן ספעקטרום פון העלט קעיר און ספעציעלע הילף פראגראמען, א טייל פון זיי זענען ביז לאנג צוריק נישט געווען מער ווי א חלום. ״האום קעיר״, ״אירלי אינטערווענשאן״ מיט אייגענע טעראפיסטן און עוועליועיטארס, ״ישיבה תורה וחסד״ פאר ספעציעלע בחורים מיט הויכע פונקציעס, פעמילי קעיר, גרופ היימען, סערוויס קאארדינעישאן, דעי העביליטעישאן, רעספיט, פעמילי סופארט סערוויסעס, אי-מאד, רעז-העב, אא״וו.

די ״אינטעיק״ סטעף זענען באקאנט דורך און דורך מיט די אלע פראגראמען, און וועלן גערן ענטפערן יעדע פראגע וואס א משפחה קען האבן אויף סיי וועלכע דערפון.

פאר די באקוועמליכקייט פון יעדן איינעם, איז דער ״אינטעיק״ אפיס אויסגעשטעלט אין א באזונדערע אפטיילונג פון אלע אנדערע שטאב אפיסעס, מיט א באשיידענע ארייננאנג און א באזונדערע קאנפערענץ פלאץ וואו אנדערע שטאב מיטגלידער האלטן נישט מיט די קומערס און גייערס – אלעס אזוי געמאכט אז עלטערן זאלן זיך שפירן באקוועם און רעספעקטירט ביי א פערזענליכן וויזיט אין ״אינטעיק״ אפיס.

אלזא, צו רופן פאר המספיק הילף אין אפסטעיט ניו יארק, דארף מען נאר קענען איין איינציגער טעלעפאן נומער, פון ״צענטראל אינטעיק״ אפיס. דאס איז, 845-503-0200. נישט קיין עקסטענשאן אדער סיי וואס – עס איז דער טעלעפאן דירעקט צו מרת טרעס תחי׳.

א לאקאלע קרית יואל׳ע נומער וועט אויך פירן עלטערן צום זעלבן הארציגן אדרעס, 845-774-0300, המספיק האט אויך א ״טאלל פריי״ נומער צום אפסטעיט אינטעיק אפיס פאר ווער ס׳וויל זיך איינשפארן לאנג דיסטענס קאסטן. דער נומער איז: 866-353-8400.

אין ניו יארק סיטי, ארייגערעכנט אלע היימישע געגנטער אין ברוקלין, ווערט די לאקאלע ״אינטעיק״ אפיס געפירט דורך די ווארעמע אחריות פון די חשוב׳ע מרת היימפעלד תחי׳, שוין לאנגע יארן די שטראל פון האפענונג וואס האט באלאכטן צענדליגער עלטערן שיחיו אין שווערע דעליקאטע מאמענטן.

דער ״אינטעיק״ טעלעפאן נומער פאר משפחות אין ברוקלין, אויך עקסטענטשן-לאז, איז 718-408-5400.

## דער פאדערשטער טויער

נאך וואס המספיק אינטעיק איז באקאנט מיט׳ן פאל און האט אויסגעארבעט א סטראטעגיע וועלכע הילפס-פראגראמען עס פעלן דא אויס, קומט דער קומענדיגער שריט – אריינגיין אינעם פאדערשטן טויער פון די או. פי. דאבעליו.

״פראנט דאור״ איז דער נאמען פון די צענטראלע טויער ביי די ניו יארק סטעיט ״או. פי. דאבעליו. די. די.״ אגענטור פאר ספעציעלע געברויכן, וואו מען דארף אדורכגיין צו קענען באקומען סיי וועלכע ספעציעלע הילף אדער טוישן עקזיסטירנדע הילף.

אין יעדע לאקאלע ביורא פון ״או. פי. דאבעליו.״ זענען דא ספעציעלע שטאב מיטגלידער וועלכע געבן זיך אפ מיט אויפנעמען די אפליקאציעס, סיי נייע אפליקאנטן און סיי צו טוישן אלטע סערוויסעס, לויט ווי די סטעיט האט איינגעפירט מיט די ״פראנט דאור״ סיסטעם. ערשט נאכדעם וואס די ״פראנט דאור״ באאמטע גייען אדורך די אפליקאציעס און טוען עס באשטעטיגן, קען עס גיין ווייטער צו א נאן-פראפיט אגענטור ווי המספיק אז מען זאל עס קענען צושטעלן.

איין הויפט פונדאמענט פון די ״פראנט דאור״ סיסטעם איז, אן ״אריענטעישאן סעמינאר״ פאר סיי ווער עס פארלאנגט הילף.

ביי דעם סעמינאר הערט מען א ׳שיעור כללי׳ וויאזוי די סטעיט אגענטור ארבעט, ווער עס איז בארעכטיגט, וועלכע אגענטורן קענען געבן וועלכע סארט הילף, וויאזוי דערגרייכט מען די מאקסימום צילן, וואס זענען די געזעצן און רעגולאציעס אא״וו. מיטהאלטן אזא ״אריענטעישאן״ איז א לעגאלע פארלאנג ביים אריינגיין אינעם ״פראנט דאור״ סיסטעם.

אבער וויבאלד עס איז שווער אנצוקומען פערזענליך צו די סטעיט ביוראען וואו מען געבט אזעלכע אריענטעישאן סעמינארן, לאזט די ״או. פי. דאבעליו.״ אז פריוואטע הילף אגענטורן זאלן אראנזשירן אזעלכע סעמינארן, און די סטעיט באאמטע קומען דארט אראפ צו געבן א פרעזענטאציע. דאס ווערט גערעכנט פונקט ווי די אפליקאנטן וואלטן מיטגעהאלטן אזא אריענטעישאן סעמינאר ביי די סטעיט דירעקט.

אין די לעצטע יארן האט המספיק צוזאמען מיט סטעיט באאמטע אהערגעשטעלט פילצאליגע אזעלכע קאנפערענצן, צום העכסטן צופרידנהייט פון הונדערטער משפחות אין אפסטעיט און ברוקלין.

א פאפולערער פענאמען (יא, ערשיינט שוין אין אלטע אידישע ווערטער ביכער... א סינאנים פאר ערשיינונג) איז צו טרעפן ביי די קאנפערענצן אין ראקלענד פרישע משפחות וועלכע האבן זיך ארויסגעצויגן פון ברוקלין קיין קרית יואל, מאנסי, און די גלילות ארום, און ברענגען אריבער אלטע סערוויסעס אדער דארפן בכלל נייע.

״פראנט דאור״ סימפאזיום פראיעקטן ווערן ווי געשמועסט אנגעפירט דורך די חשובע מרת טרעס תחי׳, המספיק ״אינטעיק״ קאארדינעיטאר אין אפסטעיט. באטייליגטע ביים לעצטן סימפאזיום האבן אויסגעדרוקט גרויס צופרידנהייט, אפילו פון די זייטיגע ארראנדזשירונגען צו האבן אלעס געשמאק און פראפעסיאנאל. אלע געסט זענען ווארעם באגריסט געווארן ביים אנקומען, און אויף יעדן פלאץ איז געווען א ״וועלקאם פעקל״ צו אינפארמירן מיט וויכטיגע אינפארמאציע וואס קען צוניץ קומען.

פון די סטעיט ״או. פי. דאבעליו.״ אגענטור, האבן אויפגעטרעטן מיט פרעזענטאציעס צוויי ״פראנט דאור״ קאארדינעיטארס פון די לאקאלע ביורא פון די סטעיט הילף אגענטור.

נאכ׳ן מיטהאלטן די פרעזענטאציעס, איז געווען קלאר ביי די באטייליגטע אז די צוגאנג פון די סטעיט אגענטור צו הילף פראגראמען איז היינט צו טאגס ״פערזענליכע זעלבסטשטענדיגקייט״ פון די קאנסומערס, און המספיק שטעלט זיך צו לויט די פארשריפטן פון ״או. פי. דאבעליו.״ צו סערווירן אלעס נויטיג.

פארשטייט זיך, אז די סעמינארן זענען אפן און צוגעשטעלט פאר כל הקהל הקודש, עלטערן און אדוואקאטן, קאארדינעיטערס און ווער אימער עס וויל וויסן מער וועגן ספעציעלע הילף אין ניו יארק. שטאב מיטגלידער פון אנדערע הילף אגענטורן זענען גערן ״וועלקאם״ צו ערשיינען, און עס איז בכלל נישט געבינדן צו המספיק סערוויסעס פארדעם אדער נאכדעם.

שפעטער, ווי געזאגט, ווען די משפחה איז שוין אריינגעקומען אינעם הילף פראגראם, ווערט אלעס איבערגעגעבן פון ״אינטעיק״ צו די סופערווייזערס און שטאב מיטגלידער פון די באטרעפנדע פראגראמען וואס די משפחה דארף האבן, וועלכע נעמען איבער און פירן ווייטער די זאך, און אזוי ארום פארט אלעס אויפ׳ן בעסטן ריטעם און מיט די בעסטע רעזולטאטן. ■

---

שתי שבתות:

# קינד און קייט ווארטן מיט איבערראשונג אויף צווייטע ״שבת מנוחה״ דורך המספיק און ראקלענד ״רעספיט פראגראם״

קוים דריי חדשים אדורך זייט ערשטע ערפאלגרייכע ״שבת מנוחה״ און צווייטע קומט שוין אט אט ־ געפלאנט אויף קומענדיגן שבת ויקרא־זכור אין פראכטפולן ״ראדיסאן״ האטעל אין ניו דזשערסי ־ איינלאדענונגען זענען שוין ארויסגעשיקט געווארן דורך סערוויס קאארדינעיטערס

מיט אומגלויבליכע פרייד און איבערראשונג האבן צענדליגער עלטערן אויפגענומען די פריילעכע בשורה אז עס קומט נאך א דערהויבענע ״קינדער שבת״ פאר המספיק רעספיט קינדער, און טאקע נאך פאר׳ן יום טוב פורים הבעל״ט.

דעם פארלאפענעם שבת ויחי איז געפראוועט געווארן צום ערשטן מאל אזא ספעציעלער ״שבת מנוחה״ דורך המספיק אוו ראקלענד׳ס רעספיט פראגראם. די גוטע גריסן האבן געשאפן א זעלטענעם אפקלאנג, ווען קינדער און עלטערן צונאזאם האבן נישט אויפגעהערט ארויסקוקן אויף די קומענדיגע. ווער עס האט נאר געהערט א באריכט פונעם פריערדיגן שבת פארשטייט שוין איינמאל פארוואס די צווייטע קומט אזוי שנעל.



אלזא, געזאגט און געטון, און לאנגיעריגע המספיק וועטעראן, די ספעציעלע פראיעקטן קאארדינירער מרת קטינא תחי׳, האט צווישן אראנזשירן די פורים מתנות און משלוח מנות פאר אלע לעכטיגע קינדערלעך, זיך אריינגעווארפן מיט׳ן פולסטן ברען אהערצושטעלן נאך א ״שבת מנוחה״, אדער בעסער געזאגט, לויט איר טראדיציע קומט ״א״ שבת, אזוינס און אזעלעכס ווי מ׳קען זיך גארנישט פארשטעלן.

דער קומענדיגער שבת וועט בעז״ה פארקומען אינעם פראכטפולן ״ראדיסאן״ האטעל אין פיסקאטאוועי, ניו דזשערסי, א הערליכע מאדערנע האטעל אויסגעשטאט מיט אלע אקאמאדאציעס פאר היימישע אידן ווי שבת שלעסער, מעגליכקייט אהערצושטעלן אן אייגענעם קאך, א. א. וו.

ווי איבעראל און אלעמאל אין די אגענטור ווערט דער שבת אויך צוגעגרייט אויף די העכסטע מאסנאמען פון ״קדשים על טהרת הקודש״, און ווערט דעריבער נאר צוגעשטעלט פאר אלע מיידלעך, און יונגלעך נאר די יונגערע.

און המספיק גרייט אודאי צו ווי דעם מקובל׳דיגן ״נוסח״, סעודות כדת היום פאר די בני מלכים פון טועמי׳ ערב שבת קודש ביז פת שחרית זונטאג אינדערפרי, געטרייע באגלייטערס פאר יעדעס קינד באזונדער, א הערליכן סדר היום וואו די קינדער ווערן צוטיילט אין דריי גרופעס לויט זייערע מעגליכקייטן – און פאר יעדע גרופע באזונדער א פאסיגע רייכע פראגראם, מתנות, שפילערייען, און לאמיר זען וואס נאך.

אלזא שבת קודש, שבת קודש, גרייטן זיך די קינדער צום שבת קודש, שטארק צופרידן מיט שבת קודש, קינד און קייט קענען קוים ווארטן אויף דעם שבת קודש, קינדער און עלטערן אלע גאר הייליג, אלץ צום שבת קודש.

לקראת שבת לכו ונלכה כי היא מקור הברכה! ■

### אילן במה אברכך:

# המספיק זייסע פירות און געטרייע פראווײדערס פראוועןן אינאײנעם הערליכן חמשה עשר בשבט







ווי גאנץ כלל ישראל משפחה ומשפחה, האט די "המספיק פאמיליע" געפראוועט א הערליכן "חמשה עשר בשבט". סיי די זיסע פירות — די הייליגע נשמה'לעך, און סיי די 'אילנות' — די חשוב'ע פראווײדערס, האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך צו באנייען און דערפרישן אין דעם גרויסן טאג, ראש השנה לאילנות — כי האדם עץ השדה.

המספיק באדאנקט די געטרייע הימלישע שליחים, די עוסקים במלאכת הקודש באמונה, וועלכע פלעגן און באוואסערן א גאנץ יאר די הייליגע פירות מיט הארץ און געפיל. אין דעם דערהויבענעם טאג ווי ביי יעדע געלעגנהייט, האבן זיי אהערגעשטעלט א הערליכן יום טוב צום געדענקען פאר אלע הייליגע נשמה'לעך וואס די אגענטור האט די זכיי' צו סערווירן. ישלם ד' פעלם מיט אידיש נחת, הרחבה און אלעס גוטס.

און אט עטליכע קרישקעלעך:

אין ישיבת תורה וחסד שע"י המספיק אין קרית יואל האט מען געפראוועט א הערליכן "חמשה עשר טיש" אינאײנעם מיט א פריילינן יום הולדת לכבוד איינעם פון די חשוב'ע בחורים. מצוה בו יותר מבשלוחו — די בחורים האבן אליינס צוזאמגעשטעלט שטעקעלעך פון געטרוקנטע פרוכט — "פרוכט-קעבאבס" אין אראביש, מען האט געזונגען ווארעמע און לעבעדיגע ניגונים לכבוד היום, און אויסגענוצט דעם טאג צום מאקסימום — נוסח המספיק.

דערוויילע, אינעם "המספיק טערעס זאל", זענען די אפיס שטאב געלאדנט געווארן אויף אן איבערראשונג. א סעודה לכבוד היום און לכבוד הנאספים, לאות הכרת הטוב פאר'ן ארייגלייגן דאס לחלוחית אין די אילנות און פירות טאג איין טאג אויס. מ'האט שיין פארברענגט אינאײנעם איבער עלעגאנטע פרוכט טאצן מיט מינים ממינים שונים, לחיים און לקח, הערליך צוגעגרייט און אראנזשירט מעשי ידי מרת קטינא תחי' — ספעציעלע אווענטן קאארדינירער פון המספיק — להתפאר.

אין ישיבת תורה וחסד אין ראקלענד קאונטי האט מען אפגעראכטן א ספעציעלע "באטע", בעסער געזאגט א "טיש" לכבוד דעם יום טוב. מ'האט אנגעגרייט א הערליכן אויבן אן מיט יי"ב חלות און פרוכט טאצן ארום און ארום, און דער עולם האט זיך געוואשן צו די סעודה של מצוה. מיט נאסטאלאגיע האט מען געדענקט די דערהויבענע "חמשה עשר טישן" וואס הרה"ח מו"ה שמואל מיללער ז"ל פלעגט פירן פאר די חשוב'ע בחורים. ער פלעגט כדרכו זיכער מאכן אז יעדער באקומט 'שיריים' און געפונט זיך דאס מערסטע פריילין און מכובד וואס נאר שייך. ווער וועט היי יאר פירן דעם טיש?

מען האט נישט געדארפט צו לאנג ווארטן אויף אן ענטפער, און היי יאר גראדע א באזונדערע סורפרייז. דער באליבטער מו"ה יואל משולם פייש הורוויץ הי"ו, געטרייער מענעדזשער פונעם "וואנאמעיקער ברודערהיים", איז אריבערגעקומען און אנגעפירט מיט די סעודה ברוב פאר והדר. ר' פייש האט געטיילט פירות, געגעבן יעדן פאסיגע אנערקענונג און דערנאך מיט פאסיגע דיבורים ארויסגעברענגט דעם גרויסקייט פונעם טאג. זיין אויפטריט האט הערליך מחזק געווען די חשוב'ע בחורים.

"רעספיט" — די נאכמיטאג פראגראמען איבער המספיק וועלכע שענקען מנוחה ושמחה פאר אבות ובנים, האט אהיימגעפירט די קינדער נאך געשמאקע שעות אינעם פראגראם, שטאלץ און פריילין מיט אייגענע פרוכט אראנזשירונגען און מאלערייען, געפארבט און אויסגעשטעלט מיט די אייגענע הענט, אריינפלעכטנדיג דערמיט די הערצער מיט'ן קדושת היום.

"פירות טישן" זענען אפגעראכטן געווארן אין אלע המספיק רעזידענטן מיט עקזאטישע און געוועגליכע פירות, אלע פארבן און קאלירן, מיט דערהויבנקייט און פראכט ווי עס פאסט לביתם נאוה פון אזעלכע חשוב'ע איינוואוינער. "קאנקארד", "גרענדוויו", "סיקסטי פוירסט", "טווירטי עיט", "בעיקערטאון", "דינוב", און אלע אנדערע המספיק "ברודערהיימען" און "שוועסטערהיימען", איבעראל זענען די רעזידענטן אהיימגעקומען צו א שולחן ערוך הערליך אהערגעשטעלט און מיטגעהאלטן א דערהויבענע סעודה כדת היום.

די ברכות על הפירות און שהחיינו'ס, זענען געזאגט געווארן מיט עקסטאז און שמחה, מיט זייער טיפישע ארגינעלע שמחה און נשמה'דיגע פלאם צו יעדע דבר שבקדושה.

"די סעודה אין סעווען ספרינגס שוועסטערהיים," דערציילט מרת ניימאן תחי', די געטרייע מענעדזשער, "איז אפגעראכטן געווארן מיט אלע פארבן, טעמים און שיינקייטן ווי די שענסטע אידישע שטיבער." און אטא דאס איז טאקע א המספיק היים.





# המספיק אין בילדער:
# שבט תשע"ו לפ"ק








א ווארימער ווינטער אין ישיבת תורה וחסד אין קרית יואל, מיט א פייערדיגע סעודת יום הולדת פאר א חשוב'ן חבר, זיך מיטפרייען און אנוואונטשן א חבר וועלכער איז ב"ה צוריקגעקומען פון שפיטאל, א באזוך אין "וועסטפוינט" מיליטערישע אקאדעמיע, און וואס קען זיין בעסער ווי סתם אהבת חברים!?







פירותיך מתוקים!
אין אראנדזש קאונטי רעספיט



מעשי ידים להתפאר פון די חשוב'ע מיידלעך אין המספיק אוו ראקלענד קאונטי דעי העב



הבה"ח נ"י ביים פארזאגן די הייליגע תפילה פון בן איש חי אויף א גוטן אתרוג







דער הערליכער פירות טיש אהערגעשטעלט דורך די בעיקערטאון באלעבאסטעס

# האסט א פראבלעם?

[א שילדערונג דורך מנשה לוסטיג / האסט א פראבלעם דערמיט?]

ווי נאטורליך שטויסט פרץ אויף די טיר פון דאקטער׳ס אפיס, און האט שוין א דרייפאכיגע איבערפלוס פון קריטיק, טאקע ערשט-האנטיג

"פארוואס פיקסט מען נישט דעי טיר?" בוזשעוועט ער אונטער די קוטשמע מיט א הייזעריקע שטימע. "וואס כאפ איך ספלינטערס איבעראל? וואס זענען די קולות דא א גאנצע טאג און א גאנצע נאכט!!??"

פרץ איז גערעכט ווי גאלד. ער איז באשאנקען/באשאלטן געווארן מיט א געוואלדיגן חוש. נעמליך, ער באמערקט זייער שנעל ווען עפעס איז נישט אזויווי עס דארף צו זיין. ער האט א זעלטן אויסגעשארפטע נאז אזש ער וואלט געקענט זיין דער גרעסטער מגיה ספרים, מבין אויף הייזער, און קאמפטראלירער פון ריזן ביזנעסער.

אבער אין פאקט, באקומט ער קיינמאל נישט קיין אפפער פאר אזא מין דזשאב, און ער ווייסט אפילו פארוואס.

ווען אלע זאלן וויסן וואס ער קען איז ער דאך גארנישט קיין יחסן? ווייסט ער טאקע אסאך און שעלט אויף וואס די וועלט שטייט, אבער ס׳קאסט א פרייז... ארום זיינע ד׳ אמות זעט אויס ווי א בייזע מגיפה האט פארטריבן יעדעס בשר ודם.

שלעפט ער זיך ארום מיט די הענט באגראבן אינעם מאנטל טאש, און די אויגן לויפן ווילד ארום די גאנצע שטאט און באמערקן אלץ און אלעמען. אין א רגע כאפט ער אויף ווי קרום יאנקל האט געבויעט, ווי נאריש בערל האט אינוועסטירט, ווי שמוציג די גאסן זענען, און ווי ווילד שמעון איז.

ווען איינער מאכט נאר אויף דעם פיי היי און דערוואגט זיך עפעס צו פארענטפערן, שליידערט פרץ אים באלד צוריק אזא קאזאצקן מי שברך: "אה, איינער ווייל דיר שוין העלפן, געזאגט אן אמת׳דיג ווארט, האסט א פראבלעם דערמיט? זאג נאר, האסט א פראבלעם דערמיט? כ׳מיין באמת, האסט א פראבלעם דערמיט?"

ביז "האסט א פראבלעם דערמיט" מיט פרץ זענען געווארן סינאנים ווי א שגץ מיט א פייפל און א וועווערקע מיט אן עק.

אבער איין טאג האט פרץ פלוצים געהאט א פראבלעם דערמיט.

ווי שוין יארן לאנג איז אריבער א טאג מיט א נאכט, און פרץ שטייט אויף איין פרימארגן... און יא, ער האט א פראבלעם... ס׳שטעכט אים אויף די לינקע זייט, איי, אויך אביסל אויף די רעכטע זייט, און אינצעווישן. יעדעס טריט שניידט ווי א שפיז און ער מוז זיך וואס שנעלער לאזן אויסזוכן וואס גענוי שטערט אים, צווישן די ווייעדיגע קאפ, האלז, בויך, רוקן און פיס.

און האסטע געהערט א מעשה, א צעדרייטע קליניק, מ׳קען נישט צו שטעלן מער דאקטוירים? איך וויל דאך זען וואס גייט פאר מיט מיין הארץ קלאפעניש, ענדליך גיי איך אדורך די פארראסטעטע טיר וואס טיילט ספלינטערס ווי לקח אויף א יארצייט, און דא דארף איך ווארטן...

אוי, וואס, איך בין נעקסט? אנטשולדיגט. די צעדרייטע קליניק, מיט די צעדרייטע סטעף האט אים ווי צו להכעיס דוקא יא אנגענומען, און רשעות׳דיג שנעל סערווירט, אזש ביז געציילטע מינוטן איז פרץ אונטערן פירהאנג פונעם פראפעסאר דר. א. וואס נעמט זיין בלוט דרוק מיט אן ערנסטע מינע, טאפט אים ביים דופק און ביים הארץ, און פרעגט אים אויב שטערט אים עפעס וואס.

אהההההההה... די פאסיגע פראגע פונעם ריכטיגן פערזאן.

האט זיך פרץ טאקע צעכיאמערט אויף די וועלטס פראבלעמען און אויף די נארישע מענטשן וועלכע פארשעמען איר ערד, און ווען איין פרץ קומט ראטעוועון דעם פלאנעטל פארמיידט מען אים ווי א ש-ד דעם ווייררוך.

זיי אלע ווייסן אז ער איז א מבין, און פארוואס פאלגן זיי אים נישט און זיי לאכן פון אים אונטער די פאלערינע? טאקע זאגסט עס גוט, ווייל זיי זענען א באנדע נארנים, פארשטייען אן עסק ווי א קאץ ברטנורא, "און איך פראביר זיי מסביר זיין, בחינם ממש," צעוויינט זיך פרץ ווי א בעיבי, "און ס׳לייגט זיך זיי נישט אין קאפ, ווי מ׳רעדט צו די פיר ווענט, און דרום זייט נאך מער...

דער ראש הקהל איז א לעמעלע און דער שמש א בטלן, דער פושקע גבאי א נער, און גאנץ קהל פלאכע קעפ... ווען איך זאל ווען האבן א ווארט דא, וואלט דאס גאנצע מצב

(פארזעצונג אויף זייט 23)

# בשמחה אויפ׳ן ניכטערן מאגן

## דעם דאקטערס רעצעפט אויף א גליקליך לעבן

אהה.. הוי, ונהפוך, בחגיך, והיית, אך אך אך... פורים צו מנחה... שיכור פון גרעיפ דזשוס, איין ווייסע זאק די אנדערע אמאל געווען ווייס, א קיילעכיגע אויסגעפליקטע בעזעם אויפ׳ן קאפ (מלפנים א שטריימל אין מלך סאביעסקי׳ס צייטן), און אויפ׳ן בארד ליגן מסודר ווי נוי סוכה נאך א האריקעין, שיריים פון המן טאשן, לעקוואר, האלעפטשעס, מייערן קאמפאט, גאנצע ארבעס, א ׳שמחת פורים׳ סטיקער און די האנט פון א גבאי-צדקה.

מיט פארגלייזטע אויגן לויפט ער אריין אין בעסמעדרעש הגדול ווען דער בעל תפילה האלט.. זיך קוים אויף די פיס און לויפט ערגעץ וואו אינמיטן יעלה ויבוא, ער דערקענט ס׳מוישע, לויפט צו, קישט אים צאם ווי א ליטווישער מחותן: "מוישע, כאב דיך ליב!! הייליגער טאטע, כאדעך ליב!! כ׳בין גרייט זיך צו שחט׳ן פאר דיין ליבן נאמען!! כאב ליב מוישע אפילו נאכמער ווי זעך אליינס! נעם אים אנשטאט מיר פאר א קרבן!!"

ר׳ שמעי׳ דרייט זיך אויס און שרייט: "נו, שא! שא!" און דער גאנצער בית המדרש ווערט פארוואנדלט אין א געדעכטע זופ ווי די ווילעכע מקוה צו כל נדרי, שושקענערס, פראטעסטירער, דאווענערס און גאנצע, האלבע און ניכטערע הייזעריקע העלזער פרובירן איבערשרייען איינס ס׳אנדערע ביז איינער געבט א שריי: "נקדישך ונעריצך" און טוישט די טעמע.

אין צענטער פון גאנצן טומל ליגט אונזער מדובר בפישוט ידים ורגלים איבער די בימה און איבער אן אפענע הושענות זאגער וויינט ווי א ביבער: "ק-לי ק-לי, למה עזבתנו!!" ווי דער גאנצער טומל נישט אים מיינט מען.

*

צואיבערמארגנס, א טאג נאך שושן פורים, קוים געכאפט דעם לעצטן מנין שחרית, אויפ׳ן וועג אהיים אין די וואכדיגע הוט און רעקל און צוריק צום אלטן... אוי, וואספארא שאדע...

ווי קען מען מיטנעמען אביסל שמחה פונעם לעכטיגן יום טוב?

"נו, שא! שא! א צייטונג איז נישט קיין דברי תורה זאגער!" גערעכט, דאס געהער פאר דעת תורה. אבער אין א געזונטהייט צייטונג געהערט דאס בעסטע קאליבער ווי זיך צו האלטן ביים בעסטן בריאות גוף ונפש, איז וואר?

אלזא, פון ריין מעדיצינישן שטאנדפונקט, על דעת המקום ועל דעת הרופא, עטליכע וויכטיגע אנווייזונגען אייך צו האלטן אין די ריכטיגע גיסטע מיום הפורים זה עד יום הפורים הבא עלינו לטובה, און, זייט ניט חושד, די גאנצע ליסטע קומט פון מעדיצינישע זשורנאלן און זענען באשטעטיגט מיט שטודיעס און אנאליזן, אלזא בדוק ומנוסה.

חדשים לבקרים קומען ארויס פרישע באריכטן וועלכע ווייזן אלץ מער און מער דאס וויכטיגקייט פון אן אויפגעלייגטע מוט פאר׳ן געזונט און אריכות ימים פונעם מענטש. מוזיק ברענגט שנעלערע ערהוילונג נאך אן אפעראציע, די עלטסטע מענטשן אויפ׳ן פלאנעט זענען די וועלכע האבן זיך געהאלטן רואיג און נישט געווארן אנגעצויגן, בעיבים צו וועלכע מען שמייכלט זענען קלוגער, און די ליסטע האט קיין ענדע נישט.

אלזא אטא האט איר א פאפולערע ארטיקל וואס איז ערשינען אין די וואוסנשאפטליכע וועלט און באלד צוכאפט געווארן ווי מצה וואסער (אויב עפעס זעט אייך אויס קענטליך, נישט געזארגט. יעדעס גוט שטיקל, חכמה בגויים תאמין אז זיי האבן עס גע׳גנב׳עט פון בית המדרש).

*

פרעזידענט עיברעהעם לינקאלן פלעגט זאגן: מענטשן זענען נאר אזוי פרייליך ווי זיי זענען מחליט צו זיין.

עס איז נישט וואס דו האסט, וואו דו ביזט, אדער וואס דו ביזט אדורכגעגאנגען וואס וועט דיך מאכן פרייליך אדער פארקערט. עס איז וויאזוי דו נעמסט עס אן. עס הייבט זיך אן פון אינעווייניג. דו קאנטראלירסט דיינע מחשבות. דער איינציגסטער מענטש וועלכער קען שעדיגן דיין

שמחה אויפ׳ן לענגערן טערמין ביזטו! אט

עטליכע נקודות למחשבה איבער שמחה וועלכע וועלן אייך העלפן טראכטן אויף די ליכטיגע זייט. שפירט אייך פריי צוצולייגן אייערע אייגענע:

1. עס פעלט נאר אויס איין מענטש דיך צו מאכן פרייליך און טוישן דיין לעבן: דו.

2. דיין לעבן וועט ווערן בעסער נאר ווען דו וועסט נעמען קליינע ריזיקעס, און די ערשטע און שווערסטע ריזיקע וואס דו קענסט נעמען איז זיין אמת׳דיג מיט זיך אליינס.

3. הער אויף צו ׳פאקוסן׳ אויף ווי ענג עס איז דיר און גערענק ווי געבענטשט דו ביזט.

4. עס איז נישט וואס געשעט צו דיר, נאר וויאזוי דו רעאגירסט צו וואס געשעט צו דיר.

5. צייל דיינע מתנות אין די צייט וואס אנדערע פארמערן זייערע פראבלעמען.

6. קוק וואס איז פאזיטיוו אין דעם מאמענט. אפילו אויב דו דארפסט קוקן שווערער ווי געווענליך, עקזיסטירט עס נאכאלץ.

7. ווען דו שמייכלסט איבער די לעבן וואס דו לעבסט, קומסטו אן צו לעבן א לעבן וואס איז ווערד א שמייכל.

8. גערענק, זיך פארגלייכן קעגן אנדערע איז דער גנב פון צופרידנהייט. קענסט אוועקווארפן א פולע לעבן מיט זארג איבער וואס אנדערע פארמאגן, עס וועט דיר אבער גארנישט געבן.

9. שמחה קומט גרינגער ווען דו שפירסט זיך גוט איבער זיך אליינס אן דארפן איינעמ׳ס הסכמה.

10. זיי גוט צו אנדערע ווען ביזט אויפ׳ן וועג ארויף ווייל דו קענסט זיי ווידעראמאל באגעגענען ווען דו וועסט זיין אויפ׳ן וועג אראפ.

11. זיי א מוסטער. באהאנדל יעדן מיט גוטסקייט און רעספעקט, אפילו די וועלכע זענען שלעכט צו דיר – נישט וויבאלד זיי זענען גוט, נאר ווייל דו ביזט.

12. גוטסקייט טאר מען נישט בטעות אויסטייטשן אלס שוואכקייט. ס׳איז פשוט אן אנערקענונג אז האלטן סיי וואס פאר א שנאה איז נישט אויפ׳ן וועג צו גליק.

13. געב וויפיל דו קענסט, אבער לאז זיך נישט ווערן אויסגענוצט. הער זיך אויפריכטיג איין צו אנדערע, אבער פארליר נישט דיין אייגענע שטימע.

14. זאג וואס דו דארפסט זאגן. זאג דעם אמת. עס איז נישט פארהאן א גרעסערער טרויער ווי איינהאלטן די ווערטער וואס דו האסט קיינמאל נישט געהאט דעם קוראזש צו זאגן.

15. קענסט נישט טוישן וויאזוי מענטשן באהאנדלען דיר אדער וואס זיי זאגן איבער דיר. וואס דו קענסט טון איז טוישן וויאזוי די רעאגירסט

(פארזעצונג אויף זייט 23)

# האסט א פראבלעם?

(פארזעצונג פון זייט 22)

געהאט א תקומה.

ס'וואלט נישט געווען אזא גרויסע בארג חובות, און אסאך זאכן וואלט געווען אסאך אסאך נארמאלער, און פשוט נארמאל.

וואס קען מען טון אז מ'האנדעלט מיט א צעדרייטע וועלט, און איך האב געדארפט צו געבוירן ווערן און ליידן און שווייגן...

כאטש איך שווייג נישט... אבער כ'וואלט געקענט אסאך מער זאגן, ווען מ'הערט מיך ווען אויס...

באמת, איז מיין מבינות נישט נאר אויף מענטשן, איך קען פארשטיין די מהלך הלבנה, און די מהלך פון די חיות אין וואלד אויך.

קוים זע איך א קעצל אריבער היפן די גאס האלטנדיג אונטערן נאז א מייזל וואס ער האט פארשאפט פאר לאנטש, און מעשה ווידל קאץ האט ער פארגעסן זיינע שליסלעך ביים גארביטש קען... איך זע דאס אין א רגע... איך פארשטיי אין א סעקונדע וואס יעדע באשעפעניש טראכט, טוט און פארוואס...

דער בוים, ווי ער שטייט איינגעבויגן די לעצטע האלבע יאר, אוודאי אזוי, ווילאנג קען ער שטיין אויף די אייגענע פיס, די לעצטע דרייסיג יאר — אן זיך אפילו איינמאל אראפזעצן אינצווישן.

איך זע אז די פייגעלעך זענען נאך קלוגער ווי גאנץ גרעיטער ניו יארק, אז זיי זוכן נישט קיין דזשאבס און בויען נישט קיין גרויסע הייזער. יעדעס יאר פאר'ן זומער דינגען זיי איינעמס בוידעם, און אמאל דאס אויך נישט, נאר זענען צופרידן צו שלאפן אויף א צווייג.

זיי שפארן זיך צו צאלן רענט, גארביטש טעקס, זיי דארפן נישט קיין מקוה קארטל און קיין זיץ פלאץ אין שול, אן איינטריט קארטל אין די מוסדות, זיי מעגן לויפן וואו זיי ווילן, און טאנצן ווען זיי ווילן, אפילו אן א מאנטל אין די קעלטסטע וועטער, און מיט נייע הויזן אין יעדע פאדל וואסער...

הלוואי וואלט איך געווען א פייגל, און נישט געדארפט זיך קרענקן מיט די כעלעמע קהל דא, א באנדע נאראנים, וואס ווייסן נישט וויאזוי מ'מאכט ביזנעס, וויאזוי צו בויען איין נארמאלע הויז אין די גאנצע וועלט, און קאכן איין נארמאלע מאכל אין מויל צו נעמען.

דאס הייסט מענטשן? איך קען דען מסביר זיין פאר יעדן יצמח וואס מיינט געקאכט? דאס הייסט געלייגט צעמענט?

א בלינדער טויבע גוי, ווייסט שוין בעסער ווי דעם, אז אן ארון קודש פון שטיין זאפט איין היץ, און די טרעפן און רעילינגס זענען דאך אזוי אומבאלומפערט געגאסן, אז ס'איז אפילו א בושה א כיבוד נעמען ביי אזא מזרח וואנט.

וואס זאל איך ענק מסביר זיין, און פארוואס פרעגט עטס נישט פאר מ'פלאנט צו מאכן א ווייבער שול, ס'האט דאך נישט קיין נארמאלע זוילן אויף וואס זיך צו האלטן, א תינוק בן יומו קען אומווארפן אזא מחיצה מיטן קליינעם זרת פינגער... דאס הייסט א מחיצה?

כ'רעד שוין נישט ווען ס'פליעט פעקלעך ביי די באווארפענס, כ'רעד שוין נישט פון די פעקלעך וואס מ'ווארפט — אזעלכע קארגע חברה, אז דו ווילסט ספענדן געלט פאר פעקלעך גיב עס שוין בעסער פאר די חתן כלה זאלן קענען צאלן רענט.

און כ'רעד שוין נישט ווער ס'ווארפט די פעקלעך, דאס הייסט ווארפן? קיין איינס פליעט נישט ביזן חתן, ס'קען גאר זיין אז מ'איז נישט מקיים קיין שום מנהג, אויב מ'גיסט עס סתם אויס פאר די ווילדע קינדער.

נעקסטע מאל אז מ'וויל בויען א מאנטל שטוב, פרעג מיך, איך האב שוין מיטגעהאלטן אסאך בתי מדרשים וואס מ'האט געבויעט, דאס הייסט א פאליש?

ס'נישט נארמאל, נישט שכל'דיג, ס'לעצטע מאל כ'האב פארלוירן מיין מאנטל בין איך שיער נישט אומגעפאלן אויפן ראג ביים טיר, א נארישע טיר, קוים וואס ס'האלט זיך, שוין די לעצטע דרייסיג יאר.

אז שמערל האט געקענט קויפן מפטיר, וואס עפעס קויפט ער זיך נישט א נארמאלע פאר שיך? ס'נישט צום פארשטיין, אז ער וואלט מיר געפרעגט, וואלט איך אים געזאגט, כ'זאג דיר צו כ'וואלט אים געהאלפן אויסקלויבן א ביליגע שטארקע קאר.

ווייל יענע קאר וואס ער האט איז ממש גארביטש.

דו מיינסט ווייל ס'פארט איז עס גוט? ווייסטו נישט וואס מיינט א גוטע קאר, און כ'זע אז דער עולם ווייסט נישט, כ'זע דאך ווי עולם גולם קויפט יעדער די זעלבע מיני ווען, און ווען ס'קומט צו געבן א היטש איז קיינער נישטא פאר דיר.

און פארקן קארן קען אויך קיינער נישט, דאס הייסט אריינגעפארקט? נישט ער קען דרייוון און נישט ער קען פארקן, און נאך אויף יענעמס חשבון, וואס מיינט ער קלינט נישט זיין קאר מפסח לפסח? נישט אז ס'גייט מיר שטארק אן.

ס'פשוט פאר זיין טובה וועגן, וויפיל איך זאג אים, קוקט ער מיר, ווי כאילו ער איז קלוגער, און כ'ווייס דאך אז ער מיט חכמה איז ווי פיש מיט פליגלען..

אין מיך רופט ער נאך שוטה, דער טיפש וואס ער איז.. ער קען נישט הערן ווי איינער זאגט אים א גלייך ווארט, א אמת ווארט, פשוט א עצה בחינם, כ'האב געבעטן געלט? וואס ארט דיך צו הערן אן עצה פון איינער וואס איז אביסעלע כ'מיין אביסעלע עלטער פון דיר.

ווען איך זע אים פארן אויפן גאס, גייען מיר די אויגן ארויס פאר רוגזה, א ווילדע חיה, אן אומ'מענטש וואס כ'האב נאך אין מיין לעבן נישט געזען...

נישט אז א צווייטער פארט בעסער, קיינער ווייסט נישט היינט בכלל וואס מיינט דרייוון, און ספעציעל נישט קיין געהעריגע קאר, און א באס אוודאי נישט, און א באס מיט מענטשן אינעווייניג אוודאי און אוודאי נישט.

כ'זאג דיר איין זאך נאר, ווען מ'זאל מיך נעמען למשל צו דרייוון, אפילו נאר איינמאל א וואך, וואלטן זיי שוין נישט גענומען א צווייטן, און זיי ווייסן עס, נאר זיי טראסטן מיר נישט, ווייל ס'פאסט זיי נישט...

מ'האט מיך גראדע שוין אמאל יארן צוריק געבעטן צו דרייוון איינעם אין שטאט אריין, ווען כ'האב נאך געהאט לייסענס, און ס'נאך געווען א נארמאלע וועלט, מיט נארמאלע מענטשן, נישט אזעלכע נארישע ראודס און טייערע טאל, און שווערע וועטערס און בעסערע באסעס, און נארמאלע אומשטענדן.

נאך איין מזל איך האב עס דעמאלטס נישט אנגענומען, איך וואלט געבליבן אין יענע דזשאב עד היום הזה, און זיי וואלטן נאך געמיינט אז זיי האבן מיר א טובה געטון אין לעבן. און טאקע די אלע מענטשן וואס מיינען זיי טוען מיר א טובה... הע הע הע... איך לאך...

(פארזעצונג אויף זייט 31)

# בשמחה אויפ'ן ניכטערן מאגן

## דעם דאקטערס רעצעפט אויף א גליקליך לעבן

(פארזעצונג פון זייט 22)

און ארום וועלכע מענטשן דו דרייסט זיך.

16. נעגאטיווע חברים וועלן דיר קיינמאל נישט געבן א פאזיטיווע לעבן.

17. וואס דו לאזט וועט ווייטער גיין. ס'איז אייביג בעסער צו פארברענגען מער צייט אליינס ווי מיט נעגאטיווע מענטשן און זייערע מיינונגען וועלכע ווען דיר נאר אוועקפירן פון דיין ציל.

18. ווען אנדערע מענטשן באהאנדלען דיר נישט גוט, גיי אוועק, שמייכל, און בלייב ווייטער דו. לאז קיינמאל נישט אן אנדערנס פארביטערטקייט טוישן ווער דו ביזט.

19. דיין ווערד ווערט נישט ווייניגער לויט איינעמ'ס אוממעגליכקייט צו זען דיין ווערד. עס איז זייער פארלוסט, נישט דיינס.

20. פון די זאכן וועלכע באפרייען א מענטש דאס מערסטע איז אנערקענען אז נישט יעדער דארף אונז ליבן, און דאס איז אקעי.

21. ווען איינער זאגט "האסט זיך געטווישט," איז עס נישט אייביג א שלעכטע זאך. אמאל מיינט עס נאר אז דו האסט אויפגעהערט לעבן דיין לעבן זייער וועג.

22. שעם זיך קיינמאל נישט מיט דיינע געפילן. דו האסט די רעכט צו שפירן יעדעס געפיל וואס קומט דיר ארויף, און נאכצוגיין דעם וועג וואס וועט דיר מאכן פריילעך.

23. די זויערסטע מענטשן אויף די וועלט זענען די וועלכע טראכטן דאס מערסטע איבער וואס יעדער איינער טראכט.

24. קענסט נישט בויען דיין הצלחה און צופרידנהייט אויף די מיינונגען און ערווארטונגען פון אנדערע.

25. עס איז אייביג בעסער צו זיין אונטן פון די לייטער אויף וואס דו ווילסט ארויפקריכן ווי אויפ'ן שפיץ פון די וואס דו ווילסט נישט.

26. ארבעט צו לעבן א לעבן וואס שפירט ריכטיג פאר דיר.

27. קיין געלט אין דער וועלט וועט דיר נישט מאכן פריילעך אויב ביזט נישט פריילעך מיט זיך אליינס.

28. אפשר איז די זאך פון וואס דו האסט מורא געווען וואס דו זאלסט טון. אמאל ווענדט זיך דאס לעבן אין ריזיקירן פאר א חלום וואס קיינער זעט נישט נאר דו.

29. קענסט נישט אייביג ווארטן פאר די ריכטיגע מינוט. אמאל דארף מען זיך וואגן צו טון וויבאלד דאס לעבן איז צו קורץ חרטה צו האבן און זיך וואונדערן וואס וואלט געקענט זיין אנדערש.

30. די מערסט פארלעסליכע וועג צו זען דעם צוקונפט איז עס צו מאכן. נעם א ראלע אין לעבן אנשטאט בלויז מיטהאלטן ווי עס גייט אריבער.

31. גארנישט דערהייבט מער ווי טון וואס מענטשן זאגן דו קענסט נישט.

32. וואס דען איז שמחה אויב נישט די בעסטע שלום בית צווישן א מענטש און דאס לעבן וואס ער פירט?

33. גרויסע שוועריקייטן מאכן דאס לעבן אינטערעסאנט; זיי איבערקומען שענקט א באדייט פאר'ן לעבן. עס איז וויאזוי דו באגייסט זיך מיט א דורכפאל וואס באשטימט דיין פרייליכקייט און הצלחה.

34. לאז דיינע טעותים זיין דיין מאטיוואציע, נישט דיינע תירוצים. זיי יעצט מחליט אז נעגאטיווע ערפארונג וועט נישט באשטימען דיין צוקונפט.

35. וואס קומט איז בעסער ווי וואס איז שוין געווען. גיב נישט אויף האפענונג. גוטע זאכן קומען אפט ווען מען ערווארט זיי דאס וויניגסטע.

36. אויב דו נעמסט נאך א טריט, און נאך איינס, וועסטו זיין איבערראשט צו זען ווי ווייט דו קענסט גיין פון וואו דו האסט געמיינט עס איז די ענדע.

37. גארנישט איז שענער און שטארקער פון א שמייכל וואס האט אדורכגעלעבט די טרערן.

38. נישט קיין חילוק ווי לאנג עס געדויערט, וועט עס ווערן בעסער.

39. שווערע שטאל בויעט שטארקע געביידעס – שווערע מצבים בויען שטארקערע מענטשן.

40. ווען מיר ווערן עלטער און קלוגער, הייבן מיר אן צו זען וואס מיר דארפן און מיר דארפן אפלאזן. אמאל איז אוועקגיין א טריט פאראויס.

41. סוף טאג, קענסטו אדער קוקן אויף וואס צורייסט דיך, אדער אויף וואס האלט דיך צוזאמען.

42. איינס פון די בעסטע מאמענטן אין לעבן זענען ווען דו טרעפסט ענדליך די קוראזש צו לאזן לויפן וואס דו קענסט נישט טוישן.

43. נישט קיין חילוק וואס דו טוסט, בלייב נישט שטעקן אין די זאך וואס רואינירט דיין טאג. שמייכל און זיי דאנקבאר. דאס לעבן איז צו קורץ צו ווערן פארשוועדעט אויף נעגאטיוויטעט.

44. וואס ווייניגער דו ערווארטסט, אלץ געשמאקער ווערט דאס לעבן.

45. געדולד קען זיין ביטער, אבער פון די קערעלעך וואס דו פלאנצט יעצט ווען שפראצן זיסע פרוכט.

46. לעב פשוט. זיי ברייטהארציג. רעד אמת'דיג. אטעם טיף. טו דאס בעסטע וואס דו קענסט. לאז אלעס אנדערש פאר דער וואס פירט דיך (יא, דער גוי האט עס שוין אויך אנערקענט...)

47. ליג נישט אזוי שטארק אין באשאפן דעם מושלמ'דיגן לעבן ביז דו פארגעסט צו לעבן.

48. דער קונץ איז צו הנאה האבן האבן היינט פונעם לעבן. וואונטש זיך עס נישט אוועק מיט ווארטן פאר בעסערע טעג פאראויס.

49. לייג צו קאפ צו די קלייניקייטן, ווייל ווען דו בענקסט זיך באמת צו "די אלטע גוטע צייטן" בענקסטו זיך דאס מערסטע צו די קלייניקייטן, ווי א בלויזע שמייכל מיט א נאנטן.

50. נעם פון די ליסטע וואס דו ווילסט, לאז איבער דאס איבריגע, באארבעט איינס וואס רעדט צו דיר, און לייג צו וואס העלפט דיר!

**שמחת תמיד!**

והעיר ברוקלין צהלה ושמחה:

# בליענדע "המספיק-קעיר" הילף פראגראמען ברענגען פאזיטיווע גריסן דורכאויס ברוקלין

צענדליגער משפחות דערקוויקט מיט "סי. די. פעפ" און "פי. סי. עי." האום קעיר מעגליכקייטן - געהילפן ברענגען נייע לעבנס פאר עלטערע לאוויטשט"א און אויך פאר יונגערע מיט סיי וואס פאר א דיסעביליטיס

בליענדע "המספיק-קעיר" הילף פראגראמען ברענגען פאזיטיווע גריסן דורכאויס קינגס קאונטי

די גוטע גריסן הערן נישט אויף צו קומען אין די קינגס קאונטי אפיסעס פון "המספיק-קעיר" פון צענדליגער משפחות וועלכע ווערן דערקוויקט מיט צוגענגליכע "האום קעיר" מעגליכקייטן וואס זענען כמעט נישט מעגליך צו באקומען דורך די געווענליכע אויסשטעל פון "האום קעיר" פראגראמען.

עס רעדט זיך פון האום קעיר אונטער אזעלכע פראגראמען ווי "סי. די. פעפ" אדער "פי. סי. עי". פארמאטן פון הילף וואס פארלאנגען די ערפארונג און אינטערווענץ פון די "המספיק-קעיר" שטאב מיטגלידער צו אראנזשירן די האום קעיר הילף גענוי וויפיל און ווען עס פארלאנגט זיך.

און אט די אראנדזשירונגען זענען בלויז איינע פון די פאזיטיווע האום קעיר ווינטן וואס בלאזן אין ברוקלין, זינט "המספיק קעיר" האט אנגעהויבן פונקציאנירן אין ניו יארק סיטי אויף א פארגרעסערטן פארנעם, נאך דערצו זינט המספיק האט געעפנט די נייע פרעכטיגע אפיס קאמפלעקס אין הארץ פון בארא פארק, דעם פארלאפענעם חודש טבת העעל"ט.

אין די "המספיק-קעיר" אפיסעס האט מען זיך געראכטן אויף א שטארקע רוף צו געניסן פון די האום קעיר פראגראמען, אבער אזא דראמאטישע אפקלאנג איז נישט געווען ערווארטעט, און נאך דערצו איז דאס אלעס באזירט אויף די רעפוטאציע וואס "המספיק" האט אויפגעבויט ביים חרדי'שן אידנטום דורכאויס צענדליגער יארן נאכאנאנד.



אבער די וואקסנדע צאל שטאב מיטגלידער פון "המספיק-קעיר" זענען טאקע פולקאם גרייט און מושטירט צו ענטפערן אלע הילפסרופן בסבר פנים יפות, פון איין עק וויליאמסבורג ביז'ן ווייטסטן עק פון בארא פארק.

דאס איז געזאגט געווארן אויף אלע האום קעיר מעגליכקייטן, אבער די בעסטע גריסן הערט מען אויף די "סי. די. פעפ." פארמאט פון האום קעיר אין שטוב.

דער "סי. די. פעפ." פראגראם באשטייט פון אן אויסשטעל וואס ערלויבט דעם מענטש צו אויסקלויבן אליינס ווער עס זאל דינען אלס זיין פערזענליכער האום קעיר געהילף. אין לויף פון די יארן האבן הונדערטער משפחות אראנדזשירט צו האבן אן אייניקל באדינען דעם אייגענעם זיידן אדער באבן, אלס אפיציעל באצאלטער "האום עיד". דאס זעלבע הערט מען זאפטיגע גרויסן פון די יונגערע קליענטן. ווען א קינד מיט סיי וואס פאר א פיזישע אדער דעוועלאפמענטל דיסעביליטי איז בארעכטיגט צו באקומען פערזענליכע הילף אין שטוב, העלפט המספיק מסדר צו זיין א נאנטער קרוב אדער סתם א היימישער איד אלס געהילף, און ס'איז אן אנדערע וועלט. אלעס פארט געשמאק און גלאט, יעדער פארשטייט זיך אויפ'ן וואונק און אויפ'ן הארץ, און די טשעקלעך פליסן תמידים כסדרם ווי א שווייצער זייגער.

הערנדיג די גוטע גריסן פון דעם פראגראם אן אויפהער, איז גרינג צו פארשטיין פארוואס מען גלייכט עס אזוי שטארק.

אונטער דעם פראגראם איז "המספיק-קעיר" נאר פארבינדן מיט די טעכנישע טיילן פונעם פראגראם, קלינישע איבערזיכט, פעיראל, אבער די קאמיוניקאציע צווישן דעם מענטש און זיין-איר געהילף גייט הארץ צו הארץ. דער זיידע-באבע זאגט פאר'ן אייניקל וואס מען זאל טאן אלס "געהילף" און מען פאלגט מיט'ן גרעסטן פארגעניגן, האבנדיג פארדינט דערביי א שיינע פרנסה אין דער זייט.

"עס איז א ברכה," זאגט א משפחה מיטגליד וואס האט שוין געגאסן פון "סי. די. פעפ" פון די ערשטע האנט. "איך ווייס נישט וויאזוי משפחות קענען זיך ערלויבן נישט צו אפעלירן פאר דעם פראגראם."

אצינד, ווי געזאגט, ווערט עס שוין ב"ה צוגעשטעלט אויף א ריזיגן פארנעם אין אראנדזש, ראקלענד און קינגס קאונטיס.

צו אפעלירן פאר "המספיק-קעיר" איז דא איין צענטראלע נומער וואס דעקט אלע געגנטער אין ניו יארק סיטי און אפסטעיט, המספיק-1-855. אין נומערן, 1-855-426-2774, און לאזט איבער די לעצטע "קעי" פאר ק'עיר בדרך כ'בוד. ■

---

# ליינער'ס גאלעט

## פון יונג און אלט

באזונדערע רובריק פון ליינערס גאזעט וואו אידן שרייבן איבער די מיטעלע און עלטערע יארן

### בדוק ומנוסה: וויטאמין די. פאר זכרון

**-5673-**

אין איינס פון די פאפולערע וועכנטליכע אידישע אויסגאבעס איז א צייט צוריק געשטאנען אינמיטן א פארזעצונג ווי א טאכטער האט לויט די עצה פון אירע באקאנטע אנגעהויבן געבן וויטאמינען פאר איר עלטערער פאטער וועלכער האט געליטן אויף אן אפגעשוואכטן זכרון, און זייט ער האט אנגעהויבן נעמען די וויטאמינען זענען די פארגעסענישן געווארן גאר זעלטן. איינס פון די וויטאמינען איז געווען וויטאמין די.

לייענענדיג די מעשה איז מיר בייגעפאלן אז אפשר קען איך דאס פרובירן ביי מיין חשוב'ע זיידע און באבע לאורך ימים ושנים טובים. וואונדער איבער וואונדער, דער מצב האט זיך דראסטיש געטוישט. זייער זכרון איז ב"ה געווארן אסאך אסאך בעסער ווי פריער זייט זיי האבן אנגעהויבן נעמען וויטאמין די. (vitamin d).

(-)

■ ■ ■

### אומבאקאנטע ציטערן

**-5674-**

אן עלטערע פרוי ליידט פון ציטערן וואס איז אומבאקוועם און ווייטאגליך. דאקטוירים ווייסן נישט פון וואס עס קומט. אויב איינער ווייסט עפעס דערוועגן ביטע זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע אדער צוריק ענטפערן.

יישר כח,

(-)

■ ■ ■

# - המספיק קעיר נייעס טישל -

די פרייליכע נייעס אויפ'ן הויפט קעפל פון פאריגן גאזעט האט דערפרייט אומצאליגע אידישע הערצער. מאנכע זענען ווי עס שטעלט זיך ארויס געווארן אזוי איבערגענומען אז זיי האבן זיך געמוזט אראפזעצן מיט א גלעזל קאלטע סאדע וואסער צו דערכאפן ס'גייסט, און נישט געקענט ליינען אפילו דעם אונטערקעפל אז דער געזעץ איז נאר באשטעטיגט און אצינד דארף עס אדורכגיין: ביוראקראטיע, נאר באלד געכאפט דעם טעלעפאן און...

די טעלעפאנען אין המספיק קעיר אפיסעס האבן זיך גענומען קלינגען אווערטיים. מענטשן האבן געבעטן און געוואלט שוין איבערנאכט זיין אויפ'ן פאסטן ביי די אייגענע קינדער.

אלזא, מורי ורבותי, עס איז פאראהאן א סיבה פארוואס צייטונגען

ביוראקראטיע:

## עלטערן אלס געהילפן, אבער ווען?

האבן קלענערע ווערטער אויסער די קעפלעך. דער געזעץ איז "באשטעטיגט" אין סטעיט סענאט און אונטערגעשריבן דורכ'ן גאווערנער. אבער די רעגירונגס אגענטורן וועלכע פראצעסירן די למעשה'דיגע פראצעדורן ווייסן נאך דערפון נישט צו זאגן. נו, וואס וועט דא זיין למעשה?

אלעס ווי געשמועסט אין פאריגן גאזעט. דער געזעץ גייט בעז"ה אריין אין קראפט דעם ערשטן אין אפריל היי יאר למס', אויפ'ן אידישן לוח, כחצות הלילה, ליל שישי לסדר שמיני, כ"ב אדר ב' ה' תשע"ו לפ"ג.

פאר וועלכע קינדער? מיט וועלכע דיסעביליטיס? וועלכע נאך רעגולאציעס קומען דערמיט? דער נוסח פונעם געזעץ געבט נישט ארויס צופיל דעטאלן, די סענאטארן מיט וועלכע מיר האבן זיך פארבינדן ווייסן נאך אליינס נישט קיין סאך מער. אין די נאנטערע טעג צום אריינגיין אין קראפט פארשפרעכט דער סטעיט סענאט ארויסצוגעבן אלע פונקטליכע דעטאלן להנות בהם בני אדם, און דער גאזעט וועט אייך בעז"ה אינפארמירן דערויף.

וואס מען ווייסט דערווייל איז אז מען רעדט פון "ערוואקסענע" קינדער "מיט דיסעביליטיס" און איינער פון די עלטערן קען ווערן באשטימט אלס באצאלטער געהילף "נאר אויב ער/זי איז נישט דער לעגאלער פארטרעטער" פונעם קאנסומער. דערווייל גיסט די שווייס פון המספיק קעיר שטאב אריבער די שטיוול, מען פרובירט געוואויר צו ווערן וואס פריער וואס וועט אלץ צוקומען און אויספעלן, צו קענען אקאמאדירן אחינו בני ישראל געשמירט אדורכשווימען אלע ביוראקראטיע און באקומען אלע מעגליכע סערוויסעס אויפ'ן שענסטן און באקוועמסטן אופן, טאקע "נוסח המספיק".

דערווייל ווארטן מיר אלע מיט שפאנונג עס זאל זיך גוט אויסארבעטן.

עלטערן אלס געהילפן איז ווי געשמועסט א היסטארישע ישועה און וועט בעז"ה הייבן "האום קעיר" פאר ערוואקסענע קינדער אין שטוב אויף פרעצעדענטלאזע שטאפלען. נישט נאר זעליש נאר אפילו פיזיש; א סי. די. פעפ. געהילף קען אויך געבן מער ערנסטע הילף וואס אנדערש וואלט נאר א נירס געמעגט טון, א שטייגער ווי איינשפריצן אינסולין, געבן אקסידזשען און מעדיצינען ווען דער קאנסומער קען נישט אליינס.

און ווען די קעיר קומט מיט הארץ פון די אייגענע טאטע מאמע, וואס דארף מען מער? ■

---

# יונג און אלט

**נייעס און אינפארמאציע איבער די מיטעלע און עלטערע יארן צוגעשטעלט דורך "המספיק-קעיר"**

## וואולך אתכם קוממיות: שטייעדיגע וואקערס

חיים האט זיך ארייגעשלעפט מיט זיין שטעקן צום דאקטער'ס צימער איינגעבויגן אין דרייען, פינף מינוט שפעטער איז ער ארויסגעקומען אויפגעשטעלט ווי א גענעראל און מיט א שמייכל פון דא ביז כוש. "וויאזוי האט ער עס אזוי שנעל געמאכט?" געבט אים ישעי' א גלעט אויפ'ן אויסגעגליכענעם רוקן. "פשוט," ענטפערט חיים. "ער האט מיר געגעבן א לענגערע שטעקן."

"וואקערס" ווערן אן אלץ מער פאפולערע ארטיקל, בפרט ביי "בעיבי בומערס" וועלכע נוצן עס מער ווי דאפלט פונעם פריערדיגן דור. דער גלאבאלער מארקעט פון וואקערס שטייגט און ווערט געשאצט צו דערגרייכן $8 ביליאן יערליך ביז יאר 20' למס'.

אלזא פונקט צו דער ריכטיגער צייט, ווען עס וואקסט אונטער א דור פון זיידעס און באבעס לאוויושט"א וועלכע קענען אפילו נישט קיין אונגאריש, קומט די גוטע ערפינדונג פון אן אמעריקאנע פירמע וועלכע האלט אינמיטן ערצייגן א וואקער וואס העלפט זיך אויפשטעלן פון בענקל און גיין ווייטער בעז"ה גרינגערהייט, מיט א גוטן באלאנס, און מיט א גלייכן רוקן וואס נעמט אראפ איבריגע דרוק פון די הארץ און לונגען.

עס איז אבער דערווייל נישט רעלעוואנט פאר קיינעם, טענה'ט אן עקספערט אין די ריהעב פארשונג צענטער אין באפעלאו יוניווערסיטעט. דער פרייז צעטל פון נאנט צו אכצן הונדערט דאלער מיינט אז בלויז רייכע וועלן זיך עס קענען ערלויבן, און מענטשן מיט דיסעביליטיס רעכענען זיך געווענליך נישט אין די קאטעגאריע.

אנדערע האפן אז נאכדעם וואס די ברייטע בענעפיטן דערפון וועלן ווערן אנערקענט איבער די וועלט וועלן אינשורענס פירמעס אפשר אנהויבן עס צו דעקן. דערווייל קען מען עס בלויז באשטעלן ביי די פירמע אויף 1-877-488-0822.

*

## שטופט אפ אלצהיימערס - מיט'ן קאפ

א לעצטערע באריכט דורך די "אמעריקאנע אקאדעמיע איבער ניוראלאדזשי" באשטעטיגט אז אלע אקטיוויטעטן וועלכע האלטן שארף דעם מח, א שטייגער ווי לערנען א שווער שטיקל גמרא — צי להבדיל מאכן פאזל"ס, ארט"ס און קרעפט"ס, אד"ג, שטופן אויך אפ די סימפטאמען פון "אלצהיימערס" רח"ל.

*

## הונדערטערס! די עלטסטע פון די עלטסטע לעבן עלטער

ליינענדיג די שורות געפונען זיך אין די פאראייניגטע שטאטן מער הונדערט יעריגע מענטשן ווי סיי ווען פריער.

אין א לעצטערע באריכט דורך די סי. די. סי. שרייבן זיי אז די 'אריבער די הונדערט' פאפולאציע שטייגט און וואקסט, און איבער אלעם, לעבט ב"ה אלץ לענגער.

דר. דזשעימס קירקלענד, דירעקטאר פון 'מאיא קליניקיס' צענטער איבער פארעלטערונג, זאגט אז עס זענען פאראאן מערערע סיבות פאר די שטייגנדע צאל הונדערטערס.

די סיבות פארוואס מענטשן לעבן היינט לענגער, ריכטיגער געזאגט די השתדלות'ן, רעכענען אריין אנטוויקלטע וואסער און אפלויף סיסטעמען, די אנטדעקונג פון אנטיביאטיקס, פארבעסערטע באהאנדלונגען פאר געזונט שוועריקייטן וועלכע קומען 'מיט די יארן', און א בעסערע פארשטאנד אין געזונטהייט און מעדיצין בכלל.

"די מענטשן העכער די הונדערט זעען אויס צו זיין מער פעסט קעגן שוועריקייטן אין לעבן, זיי קענען זיך גוט צוריקכאפן נאך א שווערע אדורכגאנג," זאגט קירקלענד. "מיר ווילן שטודירן און לערנען וואס מער איבער די זקנים און זקנות, בפרט זייערע גענעטישע שטריכן, צו זען אויב עס זענען פאראאן טריטמענטס וועלכע מיר ווילן קענען אנטוויקלען צו פארלענגערן געזונטע יארן פאר'ן גאנצן עולם."

צוויי ניו יארק'ע פרויען,ביידע אריבער די הונדערט, קאלעגעס און גוטע פריינד זייט די צווייטע וועלטס קריג ווען זיי האבן אינאיינעם געדינט אלס נוירסעס אין די ארמיי און האלטן זיך ווייטער נאנט אינאיינעם, זאגן אז ס'ארט זיי בכלל נישט צו זיין איבער די הונדערט.

"אויב איז פאראאן א סוד צו אונזער אריכות ימים און אנהאלטן פריינדשאפט," זאגט איינע פון זיי אז זי טראכט עס איז "פרייליכקייט און א פאזיטיווע בליק אויפ'ן לעבן."

*

## ריטייערמענט? טראכט אייך איבער

ווען נישט די גאזעט פאליסי זיך צו פארמיידן פון ארייגשטעלן בילדער פון גויים ווי ווייט מעגליך, וואלט שווער געווען זיך איינצוהאלטן פון ארייגשטעלן דעם זיסן בילד פון "אנטאן דער שערער!" דער נאמען קלינגט ווי פון א "מחניים-ביכל" און אונזער אנטאני איז טאקע נישט צופיל יונגער. ער איז אייגנטליך דער עלטסטער שערער אויף דער וועלט!

אנטאני האט נארוואס געפייערט זיין 105'טע געבורטסטאג — שניידנדיג האר פאר זיינע קליענטן אין זיין 'שאפ' אין ווינדסאר, ניו יארק, פונקט ווי יעדן טאג. ער האט נישט אין פלאן אפצולאזן דעם 'שאפ', און אזוי אויך זיינע געטרייע קאסטומערס.

אפשר גייט עס אינאיינעם? אפשר פייערט ער אזא קעניינעהארעדיגע געבורטסטאג בלויז וויבאלד ער ארבעט נאך פלייסיג יעדן טאג? לויט א לעצטערע בריטישע שטודיע איז עס טאקע אזוי.

די פארשער זענען געווען באזארגט איבער די 10 צו 25 פראצענט פון מענטשן וועמענס געזונט צופאלט נאכ'ן ארויסגיין אויף פענסיע, און נאכ'ן גרונטליך אנאליזירן זייערע געפינסן שרייבן זיי אז ארבעטן און אנהאלטן א פראדוקטיוון סדר היום האלט פריש און געזונט.

זיי לייגן צו אז מענטשן וועלכע לעבן אין גוטע באציאונגען מיט אנדערע און זענען אקטיווע מיטגלידער אין זייער גרופע (א שטייגער ווי א חסידות אדער קהילה), האבן אסאך א נידריגערע ריזיקע פון שטארבן אין די ערשטע זעקס יאר נאכ'ן ריטייערן.

*

# מזל טוב!

**מו״ה וואלף ווירצבערגער הי״ו**

**פרעזידענט און די באורד,**
**המספיק און אראנדזש קאונטי**
וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת לידת הנכדה תחי׳
אצל חתנם **מו״ה יואל הערש הלוי ראטה הי״ו**

*

**מו״ה ליפא לויפער הי״ו**

וזוג׳ החשובה תחי׳
**מענעדזשער, ליוו אין פארפאלק,**
**עיקערס ברודערהיים,**
**המספיק און אראנדזש קאונטי**
לרגל שמחת לידת הנכד נ״י
אצל בנם **מו״ה גדלי׳ לויפער הי״ו**

*

**מו״ה וואלף שניטצער הי״ו**

**באורד מעמבער, המספיק און ראקלענד קאונטי**
וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת נישואי הנכדה הכלה החשובה תחי׳
בת בנם **מו״ה חיים מרדכי הי״ו**
עב״ג החתן היקר **כמר יחזקי׳ נ״י**
בן **מו״ה שאול גרינפעלד הי״ו**

*

**מו״ה אליעזר הלוי אפפעל הי״ו**

**דירעקטאר און קוואליטי אימפראוומענט,**
**טרעינינג קאארדינעיטער,**
**המספיק און ראקלענד קאונטי**
וזוג׳ החשובה תחי׳
**מענעדזשער, ליוו אין פארפאלק,**
**בעיקערטאון שוועסטערהיים,**
**המספיק און אראנדזש קאונטי**
לרגל שמחת תגלחת הבן היניק **כמר חיים נ״י**

*

**מו״ה טובי׳ שרייבער הי״ו**

**טראנספארטאציע קאארדינעיטער,**
**המספיק און אראנדזש קאונטי**
וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת נישואי נכדתו הכלה החשובה תחי׳
בת חתנו **מו״ה יעקב יוסף גלויבער הי״ו**
עב״ג החתן החשוב **כמר שלמה נ״י**
בן **מו״ה פישל ריספלער הי״ו**
בן **מו״ה מאיר זעליג ריספלער הי״ו**

**מו״ה משה שמואל האפפמאן הי״ו**

וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת אירוסי הבת הכלה החשובה תחי׳
**סקעדזשולינג קאארדינעיטער, המספיק קעיר, דאונסטעיט**
עב״ג החתן היקר **כמר י-הושע העשל נ״י**
בן **מו״ה שמעון יצחק קליין הי״ו**

*

**מו״ה חיים מאיר לוריא הי״ו**

**דירעקט סופארט פראפעשאנעל, פארשעי ברודערהיים,**
**המספיק און ראקלענד קאונטי**
וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת נישואי הבת הכלה החשובה תחי׳
עב״ג החתן היקר **כמר שמואל הלל נ״י**
בן **מו״ה יוסף חיים באלאבאן הי״ו**

*

**מו״ה יצחק אייזיק הורוויץ הי״ו**

וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת נישואי הבת הכלה החשובה תחי׳
**קאארדינעיטער, המספיק קעיר**
עב״ג החתן היקר **כמר יוסף נ״י**
בן **מו״ה זכרי׳ אשר לעזער הי״ו**

*

**מו״ה משה וויינפעלד הי״ו**

וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת אירוסי הבת הכלה החשובה תחי׳
**סעקרעטארין, גאווערמענט אפעירס,**
**המספיק און ראקלענד קאונטי**
עב״ג החתן היקר **כמר מאיר נ״י**
בן **מו״ה הערשל פאשקעס הי״ו**

*

**מו״ה חיים צבי צימענד הי״ו**

וזוג׳ החשובה תחי׳
**מענעדזשער, סאוט 9 אונזערהיים,**
**המספיק און קינגס קאונטי**
לרגל שמחת לידת הנכדה תחי׳
אצל בנם **מו״ה יואל צימענד הי״ו**

*

**מו״ה שלום גאטהייל הי״ו**

וזוג׳ החשובה תחי׳
**דירעקט סופארט פראפעשאנעל,**
**38׳סטריט שוועסטערהיים, המספיק און קינגס קאונטי**
לרגל שמחת לידת התאומים שיחיו

יהי רצון מלפני אבינו שבשמים שתרוו כולכם רוב נחת דקדושה
והרחבת הדעת מכל יוצאי חלציכם לשם ולתפארת עד ביאת הגואל.

עבודת הקודש:

# טויזנטער אפעלירן קיין אלבאני צו ערמעגליכן נאן-פראפיטס זאלן קענען העכערן געהאלט פאר דירעקט-קעיר שטאב

## גאווערנער קאומא'ס $15 מינימום געהאלט פלאן באגריסט דורך נאן־פראפיט אגענטורן מיט ענטוזיאזם ־ פארלאנג ווערט קריטיש ארויסגעברענגט די סטעיט זאל צולייגן צום בודזשעט

(פארזעצונג פון זייט 1 )

יארק צו $15 ביז יולי אין יאר 21', און אין דאונסטעיט נאך פריער, ביז ענדע 18'. ער קאמפיינט העפטיג אדורכצופירן דעם געזעץ אלס מיטל ארויסצושלעפן מענטשן פון ארעמקייט און זיי ארויסצונעמען פון רעגירונגס הילף פראגראמען.

צווישן די 2.3 מיליאן ארבעטער וועלכע וועלן פארדינען פון א העכערונג אינעם מינימום געהאלט, געפונען זיך איבער הונדערט און צען טויזנט ארבעטער וועלכע שטעלן אינאיינעם צו לעבנסוויכטיגע הילף און שטיצע 24 שעה אין טאג, זיבן טעג א וואך פאר מענטשן מיט דעוועלאפמענטל דיסעביליטיס.

אסאך ביזנעסער קאמפיינען העפטיג קעגן דעם געדאנק, מיט זייערע טענה'ס אז עס וועט אונטערברענגען קלענערע ביזנעסער, פארמאכן די דזשאב מארקעט פאר יונגע ארבעטער, און נאך.

וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס האבן אבער באגריסט דעם רוף מיט פרייד און ענטוזיאזם, ביז... קאומא האט זיי שנעל אפגעקילט. ער האלט נאר ביים הייסן, אבער נישט ביים ערמעגליכן צו פאלגן. מען וועט מוזן צאלן א העכערע געהאלט פאר די איינגעשטעלטע, נו, מה טוב ומה נעים, קלאר און וואר אז ס'וועט יעדן פארבעסערן דאס לעבן. פון די אנדערע זייט אבער, אויב די רעגירונג וואס צאלט זייער געהאלט וועט עס נישט געבן, דאן ווער יא?

אנדערש ווי פאר-פראפיט ביזנעסער, וועלכע קענען הייבן די פרייזן פון זייערע פראדוקטן און סערוויסעס צו אויסגלייכן און דעקן העכערע געהאלטן, נאן-פאר-פראפיט אגענטורן מוזן זיך רעכענען אויפ'ן גאווערנער און די לעגיסלאטור צו העכערן די געהאלטן דורך צושטעלן העכערע ראטעס אינעם סטעיט בודזשעט. מעדיקעיד דעקט ניינציג פראצענט פון די קאסטן פון צושטעלן סערוויסעס פאר נויטבאדערפטיגע מענטשן. דאס געהאלט פאר די שטאב וואס שטעלט דאס צו איז אויסגערעכנט לויט דאס געלט וואס מעדיקעיד צאלט.

אויב וועט מעדיקעיד נישט העכערן די ראטעס, וועלן פראוויידערס דארפן איינזאפן $270 מיליאן דאלער אין העכערע ארבעט קאסטן אינעם ערשטן יאר און $1.7 ביליאן ביז 21'. אזא אומגעדעקטע הוצאה באדייט א חורבן פאר די וועלט פון דעוועלאפמענטל דיסעביליטיס – א פעלד וואס מוטשעט זיך שוין גענוג צו אדאפטירן די פרישע איבערגעמאכטע מעטאדן וואס די סטעיט נוצט זיי צו באצאלן, וועלכע האבן געברענגט אן איבערפלוס פון פינאנציעלע שוועריקייטן.



גאווערנער קאומא'ס פארשלאג אנטהאלט דעריבער אן ערנסטע שווארצע לאך וועלכע באדראעט גענצליך איבערצושניידן די פינאנציעלע אדערן פון אלע נאן-פראפיט פראוויידערס און באנקראטירן דעם גאנצן פעלד פון העלט און יומען סערוויסעס, און די מענטשן און משפחות וואס די פראוויידערס העלפן.

עס הייבט זיך אן דערמיט וואס אסאך שטאב מיטגלידער וועלן פארלירן זייערע פאסטנס וויבאלד מען וועט נישט האבן דאס געלט זיי צו באצאלן, און צוביסלעך וועלן אלץ מער בענעפיטירער בלייבן אן לעבנס-נויטיגע סערוויסעס וועלכע זיי דארפן צו קענען לעבן פארזיכערט, געזונט און פירן א תוכנ'דיגע לעבן.

"פון הונטער די קוליסן," דערציילט א המספיק עקזעקיוטיוו דעם סוד, "אין המספיק הייבן שוין אלע דירעקט-קעיר שטאב אן ביי $15 פער שטונדע פון א היבשע צייט צוריק. אבער טוען זיי דען בלויז דאס מינימום? פאר אזעלכע געטרייע שטאב מיטגלידער קען מען דען בלייבן ביים מינימום געהאלט? די אגענטור פרובירט מיט אלע מיטלען צו טיילן רעיזעס אויפ'ן העכסטן פארנעם מעגליך – מיט א נייע אומגעדעקטע געזעץ וועט נישט בלויז ווערן אוממעגליך צו העכערן די געהאלטן, נאר אפי' אנהאלטן די יעצטיגע וועט לעכערן אלע קאסעס."

"יעדעס יאר הייסט מען אונז טרעפן וועגן וויאזוי צו שניידן פון די אויסגאבן," טענה'ט א מענעדזשער פון א פאראיין פון נאנט צו פופציג דעוועלאפמענטל דיסעביליטי אגענטורן איבער מערב ניו יארק. "עס קומט א צייט ווען מ'קען פשוט מער נישט שניידן. דער בודזשעט איז געווארן געשניטן יאר נאך יאר. וואו וועט מען דא אריינלייגן העכערע געהאלטן?"

עקזעקיוטיוו און פירער פון פילצאליגע ניו יארק'ער סערוויס פראוויידערס און וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס האבן זיך באטייליגט אין פיר באזונדערע מאסן-ראליס דורכאויס די סטעיט דעם פארלאפענעם פרייטאג פקודי צו שטופן געזעצגעבער צו דעקן א העכערונג אין די מינימום געהאלט פאר דירעקט קעיר שטאב. די ראליס האבן געלויבט קאומא פאר'ן פרובירן צו הייבן דאס מינימום געהאלט, אבער האבן העפטיג אפעלירט אז דאס מוז קומען מיט א העכערונג אין סטעיט געלטער עס צו ערמעגליכן. די פיר מארשן זענען פארגעקומען אין ראטשעסטער, לאנג איילענד, באפעלאו, און אין די סיטי. זיי צילן צו איבערצייגן געזעצגעבער אריינצורעכענען אינעם 16'-17' סטעיט בודזשעט די מעגליכקייט פאר אגענטורן צו העכערן די געהאלטן אן מוזן שניידן מענטשן אדער סערוויסעס.

ביי א פרעסע קאנפערענץ פארנט פון די סטעיט סענאט געביידע אפגעהאלטן מאנטאג פר' ויקהל האבן זיך באטייליגט די עקזעקיוטיוו דירעקטארן פון אזעלכע פראמינענטע ארגאניזאציעס ווי "נייסאר"ק", נ.י. סערברל פאלסי אסאסיעישן, עלייענס אוו לאנג איילענד עידזשענסיס. זיי האבן געשטופט דעם גאווערנער און די לעגיסלאטור צו באשטימען $135 מיליאן אין סטעיט מעדיקעיד פאנדן אינעם 16'-17' סטעיט בודזשעט צו קענען איינפירן דאס העכערן די געהאלטן פאר די שטאב וואס העלפט מענטשן מיט דיסעביליטיס.

ביי דעם זעלבן ראלי האבן זיי אויך אפעלירט אז אלבאני זאל צושטעלן כאטש $50 מיליאן פאר רעזידענשעל סערוויסעס פאר מענטשן מיט ספעציעלע געברויכן וועלכע קענען מער נישט וואוינען ביי זיך אינדערהיים, בפרט די וועמענס עלטערן עלטערן זיך און קענען זיך מער נישט געהעריג אפגעבן מיט זייער זיכערהייט און וואוילזיין.

אין איינע פון די רעדעס האט אן עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון א נאן-פראפיט אויסגערופן צו קאומא: "ווער צאלט פאר אונזערע אגענטורן זיך אפצוגעבן מיט די שוואכערע און באגרעניצטע? נישט זייערע עלטערן און אודאי נישט זיי אליינס. די רעגירונג צאלט אונז צו פארזיכערן אז אפילו מענטשן מיט באגרעניצונגען דערגרייכן דאס בעסטע לעבן, ווי זיי זענען ווערד. אז די רעגירונג וועט הייסן די אגענטורן צאלן מער געלט פער ארבעטער – אבער וועט נישט געבן דאס געלט, וועלן מיר מוזן שניידן פון די ארבעטער, קליענטן און סערוויסעס.

מיר חלש'ן צו שענקען 'רעיזעס' פאר אלע אונזערע איינגעשטעלטע. אבער דער טרוקענער פאקט בלייבט אז 90% פראצענט פון די פאנדן קומט פון מעדיקעיד, די פעדעראלע און סטעיט פראגראם וואס העלפט צאלן פאר סערוויסעס פאר נויטבאדערפטיגע, עלטערע, בלינדע און באגרעניצטע און פאר שוואכע פארדינער און זייערע קינדער. אן הייבן די מעדיקעיד פאנדן פאר אלע סערוויסעס איז אוממעגליך צו הייבן די געהאלטן.

אלזא אין נאמען פון הונדערטער פראוויידערס איבער די סטעיט און צענדליגער טויזנטער בענעפיטירער און זייערע פאמיליעס, בעטן מיר פון קאומא אין זיינע 30 טעג צו פארריכטן דעם געזעץ און דעם לעגיסלאטור אין זייערע בודזשעט געזעצן, נאכצוקומען דעם פליכט פון די סטעיט צו העלפן מענטשן מיט דיסעביליטיס און געהעריג אויסצאלן די העכערע געהאלטן פאר די נאן-פאר-פראפיט דעוועלאפמענטל דיסעביליטי סערוויס פראוויידערס.

עס איז זיכער אז מ'קען אריינשטופן די נויטיגע $270 מיליאן פאר די קריטישע אחריות אינעם $145 ביליאן דאלערדיגע סטעיט בודזשעט – אויב זאל נאר זיין די ווילן דערצו.

נאך מאסן ראליס און מארשן ווערן דערוויל אפגעהאלטן טעגליך אין אלבאני און אין אנדערע גרעסערע שטעט, און המספיק עסקנים, שתדלנים און אדוואקאטן פון יעדן ראנג פרובירן צו קלאפן אויף יעדן מעגליכן פענסטער.

*

דעם גאווערנערס רויע פלענער שטעלן אויך אן ערנסטע שאטן אויף די "האום קעיר" אינדוסטריע, מיט א מעגליכקייט דאס אריינצוצווינגען ח"ו אין טאטאלער באנקראט. די העכערונג, אויב עס קומט אן דעקונג, וועט אונטערגראבן יארן הארעוואניע אינוועסטירט ביז היינט צו האלטן עלטערע און שוואכערע ביים בעסטן געזונט דורך זיי ערמעגליכן צו בלייבן אין די אייגענע דירות און ארויס פון נוירסינג האומס.

האום העלט עידס, די ערשטע שטאפל פערזענליכע געהילפן, פארדינען א דורכשניט פון בערך $10 פער שטונדע אין ניו יארק סיטי. א העכערונג ביי זיי איז אויך נאכנישט חשש לוקסוס. אבער פונקט ווי ספעציעלע געברויכן איז דאס אויך נאבעלע הילף וואס איז אוממעגליך צוצושטעלן אן רעגירונגס פאנדן.

אפילו אן נייע געזעצן מוטשען זיך האום קעיר אגענטורן שוין יארן לאנג צו האלטן דעם קאפ איבער'ן וואסער. בערך 70% האום קעיר אגענטורן האבן געענדיגט דעם פינאנציעלן יאר 13' מיט פארלוסטן – לויט א סוירוועי אדורכגעפירט דורך די "האום קעיר אסאסיעישן אוו ניו יארק סטעיט." די גרופעווארנט אז א מינימום געהאלט העכערונג וועט צו ברענגען באנקראט רעכטס און לינקס – אויב די סטעיט וועט נישט דעקן די העכערע ארבעטס קאסטן.

די גרופע שאצט אז האום קעיר פראוויידערס וועלן אויסשטיין $1.1 ביליאן אין העכערע קאסטן אין די ערשטע צוויי יאר, און $2.19 ביליאן איינמאל דער מינימום געהאלט דערגרייכט $15 איבער די סטעיט אין 21'.

די קאומא אדמיניסטראציע בלאזט אוועק די אלע טענות אז ס'איז צו פרי צו רעדן איבער פארגיטיגן פראוויידערס פאר א $15 מינימום געהאלט, פאר עס גייט אפיציעל אריין אין קראפט. אבער האום קעיר פראוויידערס פרעגן, "און וואס וועט זיין דעמאלטס?" זיי ווארטן נאך פאר א 34 צענט-פער-שטונדע העכערונג אין רעגירונגס געלטער וואס די אדמיניסטראציע האט פארשפראכן צו דעקן די לעצטע געהאלט העכערונג אין די אינדוסטריע, אריין אין קראפט דעם פאראלאפענעם אקטאבער.

אין איין ווארט, א האלבע ארבעט איז א טאטאלער חורבן.

עלטערן און המספיק שטאב גיסן זיך דערווייל אויס דאס הארץ אינעם תהלים'ל, עסקנים און אדוואקאטן לאביאירן אין אלבאני אויף קעסל און כלים, און מיט דורון ותפילה האפט מען עס איבערצודרייען מקללה לברכה עס זאל נאר שטארקן און הייבן די "דירעקט קעיר" עבודת הקודש, ויה"ר שחפץ ד' בידם יצלח. ■

# מזל טוב!

### מו״ה מאיר זאב דאסקאל הי״ו

וזוג׳ החשובה תחי׳
**מעדיקעיד סערוויס קאארדינעיטער,**
**המספיק אוו אראנדזש קאונטי**
לרגל שמחת לידת הנכדה תחי׳
אצל בנם **מו״ה אברהם דאסקאל הי״ו**

*

### מו״ה שלמה זלמן ראבי הי״ו

**מענעדזשער, ישיבת תורה וחסד,**
**המספיק אוו אראנדזש קאונטי**
וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת לידת הבן נ״י

*

### מו״ה דר. אברהם יעקב בלאו הי״ו

**המספיק פסיכאלאג**
וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת נישואי הבת הכלה החשובה תחי׳
עב״ג החתן היקר **כמר יעקב אברהם הכהן ני״ו**
בן **מו״ה איסר הכהן אברמוביץ הי״ו**

*

### מו״ה יצחק יעקב כ״ץ הי״ו

וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת נישואי הבת הכלה החשובה תחי׳
**דירעקט סופארט פראפעשאנעל, דינוב אונזערהיים,**
**המספיק אוו אראנדזש קאונטי**
עב״ג החתן היקר כמר **אברהם יוסף פערלמוטער ני״ו**

*

### מו״ה דוד לאווי הי״ו

וזוג׳ החשובה תחי׳
**סעקרעטארין, פרויען דעי העב,**
**המספיק אוו ראקלענד קאונטי**
לרגל שמחת אירוסי הבת הכלה החשובה תחי׳
עב״ג החתן היקר כמר **ישכר דוב ני״ו**
בן **מו״ה חיים טעסלער הי״ו**

### מו״ה מרדכי בערגער הי״ו

וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת אירוסי הבת
הכלה החשובה תחי׳
**דירעקט סופארט פראפעשאנעל,**
**פרויען דעי העב,**
**המספיק אוו ראקלענד קאונטי**
עב״ג החתן היקר כמר **ברוך שמואל דוד ני״ו**
בן **הרה״ג מו״ה אהרן פייבוש שליט״א**

*

### מו״ה משה שמואל קליין הי״ו

וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת נישואי הבת
הכלה החשובה תחי׳
**דירעקט סופארט פראפעשאנעל,**
**פרויען דעי העב,**
**המספיק אוו ראקלענד קאונטי**
עב״ג החתן היקר כמר **מתתי׳ ני״ו**
בן **מו״ה שמואל אביגדור מאנדל הי״ו**

*

### מו״ה אליעזר שלום באדאנצקיא הי״ו

וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת נישואי הבת
הכלה החשובה תחי׳
**שטאב, קינדערלאנד,**
**המספיק אוו ראקלענד קאונטי**
עב״ג החתן היקר **כמר מנשה אשר זעליג פריעדמאן ני״ו**

*

### מו״ה יוסף רפאל האפפער הי״ו

**דירעקט סופארט פראפעשאנעל,**
**עיקערס ברודערהיים,**
**המספיק אוו אראנדזש קאונטי**
וזוג׳ החשובה תחי׳
לרגל שמחת לידת הבן נ״י

יהי רצון מלפני אבינו שבשמים שתרוו כולכם רוב נחת דקדושה
והרחבת הדעת מכל יוצאי חלציכם לשם ולתפארת עד ביאת הגואל.


המספיק קעיר
*The name you trust for all your HOME CARE needs!*
Call Toll Free
**855-HAMASPIK**
(426-2774)

המספיק סענטראל אינטעיק
HAMASPIK CENTRAL INTAKE

Orange County
845-774-0300

Rockland County
845-503-0200

Kings County
718-408-5400

# אדר / רפואה אין יארצייטן

א איד איז געקומען זיך מזכיר זיין צו הרה"ק רבי טובי' זי"ע פון בריגל, אז זיין קינד איז זייער קראנק געווארן. דער צדיק האט אים געגעבן א מטבע און געזאגט אז דער קינד וועט געזונט ווערן און פאר זיין חתונה זאל ער קומען צו אים צוריק ברענגען די מטבע. וכן הוה.

*

א זון פונעם צדיק, רבי נפתלי זצ"ל, איז אמאל זייער קראנק געווארן מיט די טיפוס מחלה. זיין גרויסער פאטער רבי טובי' איז דאן מכובד געווארן מיט א סנדקאות ביי א ברית. האט דער צדיק געזאגט פאר'ן אבי הבן אז וויבאלד ער איז איצט מכניס זיין קינד לבריתו של אברהם אבינו און ער קומט אריין אין כלל ישראל, האט ער א כוח צו פועל'ן, און ער זאל אינזין האבן זיין זון נפתלי בן חנה זאל האבן א רפואה שלימה. באלד נאכ'ן ברית איז רבי נפתלי געזונט געווארן ווי גארנישט וואלט געווען.

## רבי טובי' בן רבי ירוחם זי"ע, ח' אדר תרע"ב

אין שטעטל מאסיעף האט געוואוינט א אידענע וואס איז פלוצלינג קראנק געווארן מיט א ביטערע מחלה, וואס איינע פון די סימפטאמען איז געווען אז פון צייט צו צייט האט זי געשריגן ווי א האן ל"ע. דער מצב איז געווען זייער ביטער.

נאך א האלבע יאר פרובירן אלע וועגן אן ערפאלג, זענען איר מאן מיט די קינדער און נאנטע שכנים אריבער צו הרה"ק רבי פנחס זי"ע פון בארשא (בן הרה"ק בעל אמרי ברוך זי"ע מוויזניץ), און איינגעריסן וועלטן. דער צדיק האט געענטפערט אז מען זאל צובינדן די פרוי צו א פיאקער, און ווען עס הייבט אן צו פארן זאל זי נאכלויפן אזוי צוגעבינדענערהייט. מען האט אזוי געטאן איין מאל, און קורץ דערנאך איז די פרוי געווארן אינגאנצן אויסגעהיילט.

## רבי פנחס בן רבי ברוך זי"ע, י"ב אדר תש"א

ווען דער הייליגער חיד"א האט זיך אויפגעהאלטן אין שטאט פיזע, איטאליע, האט מען געברענגט צו אים א קינד פון אכט חדשים אלט, זייער קראנק, ער זאל אים בענטשן און פועל'ן א רפואה שלימה. דער צדיק האט זיך איינגעקוקט אויפ'ן קינד און געווארן מורא'דיג נתפעל און נתרגש, אויסער געווענליך.

דער צדיק האט געקושט דעם קינד אויפ'ן שטערן און האט אים אנגעהויבן אויסצולערנען די "אלף בית" אהין און צוריק. צום גרויס איבערראשונג האט דער פיצל קינד נאכגעזאגט די אלף בית! אזוי איז געווען דריי מאל. דאן האט דער חיד"א געזאגט פאר'ן קינד א פסוק, אבער דער קינד האט נישט נאכגעזאגט. דער חיד"א האט צוריק געטראגן דעם קינד צו די מאמע'ן, און יענע נאכט איז דאס קינד נפטר געווארן.

עטליכע טעג שפעטער איז דער הייליגער צדיק געווען ביי א ברית דארט אין פיזע. ביי די סעודת ברית איז געווארן א שמועס איבער ווען מ'וועט שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה. האט דער חיד"א געזאגט אז מער ווי אונז ווארטן שוין אויף משיח צדקינו, ווארט משיח אליינס צו קומען, אבער די 'ישאור שבעיסה' האלט צוריק... דאן האט דער חיד"א צוגעגעבן אז "דא נישט לאנג איז דא געבוירן געווארן משיח צדקינו, אבער ער איז נפטר געווארן אלס קינד ווייל מען האט נישט זוכה געווען", און יעדער האט פארשטאנען פון וועלכן קינד דער צדיק האט גערעדט.

## רבי חיים יוסף דוד בן רבי רפאל יצחק זרחי', החיד"א, י"א אדר תקס"ו

דער הייליגער צדיק רבי שלמה'לע סאסובער זי"ע איז אמאל געפארן קיין סיגוט, צו די חתונה פון זיין אייניקל וועלכער איז געווארן אן איידעם ביים הייליגן קדושת יום טוב זי"ע. דעמאלט איז א איד געקומען זיך מזכיר זיין אז שוין א לאנגע צייט וואס ער ליידט גרויסע יסורים אין זיין רעכטע האנט.

דער צדיק האט אים באטאפט די הענט פון אויבן ביז אראפ און געזאגט, "עס טוט דיר גארנישט וויי." אויפ'ן ארט זענען די יסורים אוועק און דער איד האט מער קיינמאל נישט געליטן דערפון.

## רבי שלמה בן רבי חנוך העניך זי"ע, י"ב אדר תרע"ט

א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן לעלובער זי"ע און אים מכבד געווען מיט אפשערן זיין אינגל לכבוד די חאלאקא. האט דער צדיק געענטפערט דעם איד ער זאל אים געבן אן "עטשידע" (א גרויסע ארבישע מטבע יענע צייט), וועט ער אננעמען דעם כיבוד. דער צדיק האט אפגעשוירן דעם יונגל און עס איז געפראוועט געווארן א גרויסע שמחה כנהוג.

עטליכע טעג שפעטער איז דער אינגל שטארק קראנק געווארן. דער טאטע איז געקומען צום צדיק און געקלאפט אויפ'ן טיר צו קענען אריינגיין. פון אנדערן זייט טיר האט דער צדיק ארויסגערופן, "קענסט אהיים גיין, ער וועט זיין געזונט, איך האב שוין געמאכט א פדיון פאר אים."

*

אמאל האט זיך דער צדיק אנגעלאנט אויף א בחור וועלכער איז געווען שוואך און קרענקליך. די מוטער פונעם בחור איז געשטאנען דערנעבן, האט זי געזאגט פאר'ן גבאי מען זאל זאגן פאר'ן רבי'ן אז דער בחור איז שוואך און האט נישט קיין כוח מען זאל זיך אנלאנען אויף אים.

דער צדיק האט אפגעלאזט דעם בחור. א קורצע צייט דערנאך איז דער בחור צוזאמגעפאלן פון גרויס שוואכקייט. מען האט מזכיר געווען זיין נאמען פאר'ן צדיק, האט ער געזאגט, "ווער האט זיך אנגעלאנט אויף וועמען? איך אויף אים אדער ער אויף מיר...?" דאן האט מען צוריק געברענגט דעם בחור צום צדיק, און ער האט זיך אנגעלאנט אויף אים ביים גיין, און פון דעמאלט און ווייטער איז ער געווארן געזונט און שטארק כאחד האדם.

## רבי אלעזר מענדל בן רבי משה זי"ע, ט"ז אדר תרמ"ג

אמאל אין א שווערן ווינטער טאג, ווען די פרעסט איז געווען ממש סיביריש, איז מען אריינגעקומען זאגן פאר הרה"ק רבי אלכסנדר זיסקינד פון הוראדנא, בעל יסוד ושורש העבודה, אז א איד איז געווען אין א קאלטע מקוה און ביים ארויסקומען איז ער געווארן זייער פארפרוירן ביז א מצב מסוכן. האט דער צדיק שנעל אפגעענטפערט, "זאל ער זיך נעמען זאגן נשמת וועט ער זיך באלד אנווארעמען."

## רבי אלכסנדר זיסקינד בן רבי משה זי"ע, בעל יסוד ושורש העבודה, י"ח אדר תקנ"ד

ביים הייליגן צדיק רבי דוד דינובער זי"ע האט מען געזען גאר אפענע מופתים כידוע, בפרט אין עניני רפואה. אמאל איז געקומען צו אים א איד, שלעפנדיג זיין קליין קינד וועלכער האט זיך ל"ע דערווארגן און ס'איז שוין געווען נאך אלעמען...

דער צדיק האט געהייסן יעדן ארויסגיין פון שטוב. נאך א קורצע ווייַלע האט ער געעפנט די טיר, און דער קינד איז ארויס געזונט און שטארק כאחד האדם.

## רבי דוד בן רבי צבי אלימלך זי"ע, בעל צמח דוד, י"ט אדר תרל"ד

ווען הגה"ק בעל לב שמח מאלעסק זי"ע האט געהאט א יונגעלע, האט זיין גרויסער שווער דער הייליגער שר שלו' פון בעלזא זי"ע געזאגט ער זאל געבן א נאמען יואל נאכ'ן זיידן דער הייליגער ב"ח זי"ע. מען האט אזוי געטאן, און דאס קינד איז געוואקסן העכער און העכער בתורה ויראה.

אבער ווען דער קינד יואל איז אלט געווארן זיבן יאר, איז ער ל"ע קראנק געווארן און נפטר געווארן לחיי העולם הבא. ווען דער שר שלו' איז געקומען מנחם אבל זיין די טאכטער, די אלעסקער רביצין, האט ער איר געטרייסט, זאגנדיג, "מיין טאכטער, איז נישט געווען גוט אז דער הייליגער ב"ח האט געוואוינט ביי דיר אין שטוב זיבן יאר?"

## רבי יואל בן רבי שמואל זי"ע, רבינו הב"ח, כ' אדר ת"א

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע האט געהאט א ברודער, רבי נתן זצ"ל, וועלכער איז נישט געווען מעדת החסידים יענע צייט. אמאל איז ער שטארק קראנק געווארן ביז א מצב מסוכן, און ער איז שוין אפילו אנגעקומען צו גסיסה. פלוצלינג האט זיך רבי נתן אויפגעוועקט, און עס איז אים געווארן בעסער און בעסער ביז ער איז געקומען פולקאם צו די כוחות.

רבי נתן האט דערציילט, אז זייענדיג באוואוסטלאז האט ער געזען ווי ער איז ביים בית דין של מעלה און מען האט אים דן געווען ער זאל שוין נפטר ווערן. פלוצלינג איז אנגעקומען זיין ברודער דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע, מיט א "נועם אלימלך" אונטער'ן ארעם, און געבעטן ביים בי"ד של מעלה אז אין זכות פון די צוויי אחים הקדושים זאל מען ממתיק זיין דעם דין און לאזן דעם ברודער אויסלעבן, וכך הוה.

א צייט שפעטער איז רבי נתן געפארן קיין ליזענסק, צו קענען ליגן נעבן דעם נועם אלימלך. רבי נתן איז דארט נפטר געווארן, און מען האט אים מקבר געווען אין דרויסנדיגן אוהל פון הייליגן ציון.

*

דער הייליגער רבי ר' אלימלך פלעגט יעדן מוצאי שבת קודש טרונקען א קאווע אדער טיי, און האט זוכה געווען דעמאלט צו זעהן די התגלות פון דוד מלך ישראל. איין מוצש"ק האט דער צדיק געזען דוד המלך אן די קרוין, האט ער אים געפרעגט פארוואס, האט דוד המלך געענטפערט ווייל יענע וואך האט ער געטרונקען די קאווע אדער טיי אן צוקער. איינמאל האט דער רבי ר' אלימלך געזאגט אז ער האט נישט געוואוסט ווי גרויס עס איז דער ענין פון מלוה מלכה, אבער וויבאלד אויף דער עלטער האט ער שוין נישט קיין כוח זיך צו וואשן יעדן מוצש"ק צו א סעודה, זאגט ער אן פאר די קינדער און קינדס קינדער און זיי זאלן מדקדק זיין מקיים צו זיין מלוה מלכה יעדע וואך, און דאס ווערט טאקע נמשך ביז היינט כידוע.

דער ענין פונעם טיי מוצש"ק ביים נועם אלימלך האט טאקע נאכגעברענגט פיל רפואות און ישועות פאר אידן. עס זענען געווען עקרות וואס זענען געהאלפן געווארן נאכ'ן זיך מזכיר זיין בשעת דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט געטרונקען די טיי. נאך די פטירה פונעם נועם אלימלך האט דער הייליגער נעשכיזער זי"ע באקומען די כלי מיט וואס ער האט געטרונקען די טיי מוצש"ק, און ער האט ווייטער גע'פועל'ט רפואות און ישועות בשעת'ן טרונקען טיי אין די כלי מוצאי שב"ק.

*

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע שרייבט אין נו"א סוף פר' תצוה, אז אפילו א איד וועלכער איז קרוב למיתה קען דער צדיק אים מציל זיין ממות לחיים דורך זיינע תפילות אים צו ברענגען א רפואה און לעבן.

## רבי ר' אלימלך בן רבי אליעזר ליפמאן זי"ע, בעל נועם אלימלך, כ"א אדר תקמ"ז

אמאל ערב פסח ביים הייליגן תפארת שלמה זי"ע איז געקומען א חסיד, ר' יצחק אליניק, און געברענגט א פולן אוצר צו קענען איינרישן דעם יום טוב ביים רבי'ן אין שטוב. אויפ'ן רוקן האט ער געהאלטן א זאק קארטאפל, אין רעכטן האנט א גענזל און אין לינקן הענט א קריגל אויל אדער שמאלץ.

ווען דער חסיד איז אנגעקומען, האט ער נישט געהאט וויאזוי צו קלאפן, האט ער געגעבן א שטויס אויף די טיר און עס האט זיך ברייט געעפנט. דער הייליגער צדיק האט געהאלטן אינמיטן לערנען, און זיך געגעבן א דריי אויס מיט וואונדער. יענעם מאמענט איז ר' יצחק אויסגעלאפן פון כוח אנצוהאלטן די שווערע לאסט, און געגעבן א לאז אראפ דעם זאק קארטאפל, וואס האט זיך צעקוילערט איבער'ן גאנצן צימער. פארשעמט ביז גאר, האט ער זיך געגעבן א רוף אן צום צדיק מיט א פארסאפעטן אטעם, "דאס איז אייך, רבי, א מתנה לכבוד יום טוב..."

דער תפארת שלמה האט אויפגעלויכטן און זיך אנגערופן צום חסיד, "אין דעם זכות וועט איר לעבן הונדערט יאר. איר האט מיך אזוי דערלעבט, און אזוי וועט איר דערלעבן ביז די הונדערט." ווען ר' יצחק האט דאס דערציילט, איז ער געווען 98 יאר, און ער האט צוגעלייגט אז ער האט נאך צוויי יאר צום לעבן פון די ברכה פונעם צדיק.

*

פון תפארת שלמה איז אויך באקאנט דער ענין פון אויס'פועל'ן זש"ק ביים סדר נאכט פאר מה נשתנה ("וכאן הבן שואל"). ער האט געזאגט מען זאל דערביי מתפלל זיין אויף דעם, און פיל אידן זענען דורכדעם געהאלפן געווארן, נאך בחייו און ביז היינט.

## רבי שלמה בן רבי דוב צבי הכהן זי"ע, בעל תפארת שלמה, כ"ט אדר תרכ"ו

# המספיק אין פאעזיע / נשמה'לעך

| בניגון "נשמה" - הרה"ח מו"ה משה גאלדמאן ע"ה |

(1) א נשמה, לויטער און ריין,
געקומען אראפ, אויף דער וועלט צו גיין,
א הייליגע נשמה,
אבער אין א באגרעניצטע גוף.
(1) דאס קינד וויינט, מיט אויגן נאסע,
צו וועל איך נישט זיין, לעול ולמשא,
זארג נישט מיין קינד,
הערט זיך פון אויבן א הארציגע רוף.

(1) אחי ורעי, שמעו נא לי,
ואשא, את משלי,
עס איז געווען,
א שטארקע גרויסע קעניג אמאל,
(1) געהאט האט ער, א טייער קינד,
ליידער געווארן, נישט געזונט,
מ'האט אים געמוזט,
שיקן אין א ווייטע שפיטאל.

(2) דאס קינד איז געווארן, זייער פארקלעמט,
ווי וועל איך זיך שפירן, אין דער פרעמד,
ווער וועט זיך דען, אומקוקן אויף מיר,
(2) ער טרעפט זיך פלוצים, אין פרעמדע הענט,
א פרעמדע שפראך, א פרעמדע אקצענט,
ווער וועט מיר העלפן, אין דעם נייעם קווארטיר,

(2) זיין זארג האט נישט, לאנג אנגעהאלטן,
ער האט דארט געפונען, ליכטיגע געשטאלטן,
מיר קענען דיין טאט'ן, און וויסן ווער דו ביזט,
(2) דאס קינד באהאפטן, ארום מיט מאשינען,
אבער די שטאב טוט אים, אזוי געטריי באדינען,
זיין גאנצע זארג, איז געווען אומזיסט.

(3) הלוואי וועון איך קען, דאס מיטטיילן,
שיקן א בריוו, פאר מיין טאטן דערציילן,
אז ס'איז דא מלאכים,
אין מענטשליכן געשטאלט,

(3) זאל דאס, מיין פאטער דער קייזער,
וויסן ווער זענען, מיינע יסורים אויסלייזער,
און זיי באלוינען,
מיט די שענסטע מתנות באלד,

(4) פלוצים הערט ער א הייליג בת קול-
מיין ליב קינד איך הער גוט דיין שאלה,
זאלסטו וויסן טייער קינד איך זע אלעס-
דו דארפסט מיר גארנישט זיין מגלה,

(4) דו קענסט זיי טאקע נישט באצאלן-
ווייל ביזט א באגרעניצטע גוף כאטש א נשמה גבוהה,
אבער איך קען יא באצאלן-
ווייל לי הארץ ומלואה.

(5) יא נשמה, דו האסט א טרייסט,
דיין טאטע אין הימל, זעט אלעס און ווייסט,
דער אב הרחמים האט דיר ליב ווי א בן יחיד,
און זעט, ווער עס באגלייט דיר, אויף טריט און שריט,
(5) יא שטאב, איר האט א טרייסט,
אין אייער זכות, וועט מען ווערן אויסגעלייזט,
דער אב הרחמים זעט דעם געטריישאפט משמי מרום,
און באצאלט אייך מיט נחת בלי מצרים.

(1) דער נמשל קענט איר אליין פארשטיין,
א נשמה לויטער און ריין,
געבוירן געווארן,
צו טייערע אידישע טאטע אין מאמע,

(1) דער גרויסער מלך, מלכי המלכים,
האט גרייט פאר זיי, זיינע מלאכים,
המספיק שטייט,
גרייט פאר אייך, מיט הארץ אן אויפנאמע,

(2) כאטש אין המספיק, איז אלעס בכבוד בהסתר,
דאך ווייסט מען די סטעף, די געטריישאפט דער בעסטער,
וואס נאר, א אידיש הארץ קען, דאס פארשטיין,

(2) כאטש ער קען נישט רעדן, צומאל אויך געלעמט,
דאך יעדעס קינד, אזוי באקוועם,
לעבט הערליך ווי אין גן עדן אליין.

(3) המספיק געדענקט, אין אלע צייטן,
אז איר זענט קינדער, פונעם גרויסן טאטן,
ריינע נשמות, אן קיין שום פגם,

מיט געטריישאפט, טוען מיר זיך פאראייניגן,
אייך געבן צו עסן, קליידן און רייניגן,
בעטס פאר אונז, ביים הייליגן קה רבון עלם.

(3) הייליגע טאטע, דו זעסט דאך בחוש,
טייערע נשמה'לעך, שמעקעדיג און פריש,
אידישע צורות, מיטן גרעסטן מאס ליבשאפט,

עפן אויך, פאר אונז אויף דיין ברונעם,
שפע רב, פון אוצר מתנת חנם,
נאר נחת געזונט סייעתא דשמיא דיין הייליגע קראפט.

(4) זאגט דער בורא: שטאב איך זע און ווייס-
איך הער גוט אייער שאלה,
זאלט איר וויסן פון מיר, איז גארנישט באהאלטן -
איר דארפט אייער געטריישאפט נישט זיין מגלה,

(4) די הייליגע נשמה'לעך קענען טאקע נישט באצאלן -
ווייל א באגרעניצטע גוף כאטש א נשמה גבוהה,
אבער איך קען יא באצאלן -
ווייל לי הארץ ומלואה.

(5) יא נשמה, דו האסט א טרייסט,
דיין טאטע אין הימל, זעט אלעס און ווייסט,
דער אב הרחמן האט דיר ליב ווי א בן יחיד,
און זעט ווער העלפט דיר אויף טריט און שריט,

(5) יא שטאב מיטגלידער, איר האט א טרייסט,
אין אייער זכות, וועט מען ווערן אויסגעלייזט,
דער אב הרחמים זעט דאס צו משמי מרום,
און באצאלט אייך מיט נחת בלי מצרים.

**[פארפאסט דורכ'ן טאלאנטפולן שטאב מיטגליד, משמח אלקים ואנשים,**
**מו"ה מנחם מענדיל ראזענפעלד הי"ו,**
**פעמילי קעיר ליעזאן, המספיק אוו ארטנדזש קאונטי,**
**לכבוד די מלוה מלכה ומסיבת הכרת הטוב**
**פאר אלע שטאב מיטגלידער אין קרית יואל]**

# האסט א פראבלעם?

(פארזעצונג פון זייט 23 )

מיר טוסטו א טובה? איך האב נאך געקענט דיין זיידע פאר יארן... א טובה זאלסטו טון דיין באבן. נישט מיר.

ווען כ׳וואלט געדארפט ווען א טובה וואלט איך נישט געהאט קיין שום פראבלעם דערמיט. האסט א פראבלעם, מיינסטו אז איך האב...

בכלל נישט. איך קען מיך באגיין אן די אלע היינטיגע שטותים און נייע שטותים און נארישע שטותים, און טיפשות׳דיג שטותים טאג און נאכט און אויפהער און ביינאכט נאך מער...

האסט א פראבלעם? הער מיך אויס, ווערסטו וויסן וויאזוי זיך צו באגיין אין לעבן, איך בין נישט היינט געבוירן, און כ׳ווייס גאנץ גוט די מצב היינט. איך גיי נישט אויסלערנען די היינטיגע נארישע טיפשים וואס מיינט א נארמאלע זאך, סיי אין ביזנעס סיי אין אנדערע זאכן, ווייל ס׳וואלט געווען פונקט אזוי ווי איך שלעפ ארויס פון א גוי א קדיש דרבנן, און מ׳וואלט נאך געזאגט אז איך בין עובר זאטל.

איך בין שוין גארנישט בטל בשיסל, אז איך זאג, ווייס איך וואס איך זאג, און וואלט מען מיר פארשטאנען, און נישט געזוכט איבערקליגן, וואלט אסאך אסאך אסאך בעסער געווען זאכן אין אסאך אסאך מינע זאכן, היינט און אלעמאל.

געב א קוק א שוטה, ער שלעפט צוואנציג בעגס, און זיין גארטל פאלט אים אראפ, ער קוקט נישט ווי ער גייט, און שוין נעכטן האב איך אים געזען זיך מוטשענען מיט די זעלבע זאך, שלעפן אסאך אסאך בעגס, כ׳ווייס נישט צו ער ווייסט אליינס וואו ער גייט און וואו ער שלעפט אלעס.

אבער איך וואלט אים געקענט טאקע זאגן וויאזוי מ׳טראגט א באקס, נישט איינגעבויגן אזוי, נאר מיט א גראדע רוקן אז די מוסקלען וואס איז דא ביי די שדרהביין, ווי ס׳בייגט זיך איין ווען מ׳ניצט עס, זאל נישט ווערן איבער געארבעט אויף א אופן אז ס׳זאל פראטעסטירן ווען מ׳שלעפט אזא פעקל.

נאר איך וויל נישט, ווייל ער הערט נישט אויס, איינמאל צוויי מאל און אפילו דריי מאל וועט ער זיך אזוי שלעפן, ביז ער וועט אליינס וויסן, אז ווען ער וואלט מיך געבעטן א עצה, וואלט איך אים געזאגט, קודם אז מ׳שלעפט נישט אזוי סאך בעגס אויף איינמאל.

און בכלל, אז מ׳פרעגט מיך נישט, זאג איך נישט, ס׳מיר גוט אזוי, איך מיין נישט מיין טובה דא בכלל, גלייב מיר.

ס׳קען אריבערגיין צענדליגע יארן, און מענטשן קענען אזווי נאריש באהאנדלען זאכן, צו ס׳איז מיטן וועלגערן מצות, צו בויען א סוכה, צו קלויבן בלומען שבועות און ערב סוכות הדסים, אז מ׳פרעגט מיך נישט, האב איך נישט ליב אריינצושטעקן די נאז.

נאר אז איך קען מיך נישט איינהאלטן, זאג איך וואס ס׳שטערט מיר, נישט אז ס׳גייט מיר זייער שטארק אן, בכלל נישט. אבער ס׳דא א צייט צו רעדן און א צייט צו שווייגן, וואס כ׳ווייס נישט וויפיל מענטשן ווייסן די גבול.

ס׳דא אזעלכע מענטשן וואס כ׳קען זיי זען קלויבן למשל אן אתרוג, איך זע ווי ער איז נישט קיין מבין בכלל, און ער קוקט אויפן אתרוג ווי א טייבעלע אינעם אקדמות, ער פארשטייט צו א הדר ווי זיין עלטער באבע צו א שטיקל יוצר.

און זיין באבע קען טאקע נישט קיין יוצר, גלייב מיר, זיי זענען אלע מלא וגארנישט.. קיין שכל האבן זיי זיכער נישט.

נו גיי זיי מסביר, האב איך זיי מרמז געווען, פרעג מיר, וועל איך דיר צייגן וואס מ׳דארף קוקן, ווערסטו כאטש האבן א כשר׳ע ד׳ מינים! האט ער זיך געהאלטן קלוגער, אזא פארזעעניש, אזא נאר.

וואס זאל איך זאגן און מסביר זיין אז מ׳הערט מיך נישט אויס, און ווען איך האב א דורכפאל, לאכן זיי, וואס פארשטייסטו, כאילו ס׳איז א דורכפאל בכלל, ס׳פשוט אז כ׳ווייס פונקטליך וואס די זאך איז, נאר מיט אזעלכע נאראנים הייסט דאס א טעות כאילו זיי זענען זיך קיינמאל נישט טועה.

כ׳האב מיך שוין מייאש געווען אז כ׳וועל אויפקלערן יעדעם איינעם, און אפילו כ׳זאל יא וועלן אויפקלערן, וועט מען מיך נישט פארשטיין, אז מ׳איז נאריש פארשטייט מען נישט וואס כ׳מיין און וואס איך זאג און וואס כ׳בין מסביר. וויאזוי קען איך עס דען מסביר זיין אזא זאך. בכלל, מענטשן מיינען אסאך מאל, אז ווייל זיי פארשטייען עס נישט איז עס ראנג, פונקט פארקערט, זיי אליינס פארשטייען נישט וואס זיי זאגן בכלל, און כ׳קען עס נישט מסביר זיין אז זיי פארשטייען עס נישט, ס׳פונקט ווי כ׳זאל עס מסביר זיין פאר א נאר פון גאס.

האסט א פראבלעם, זאגסטו איך האב א פראבלעם? נאו פראבלעם איך האב נישט קיין פראבלעם אז דו מיינסט אז איך האב א פראבלעם, איך קען דיר איין זאך זאגן, "איך רעכן זיך בכלל נישט מיט די היינטיגע נארנים בכלל"...

"געַנוּג!!!" שרייט דער דאקטער, "געַנוּג!!! הער שוין אויף צו רעדן!!!"

"וואס שרייט איר אזוי," פרעגט פרץ צוריק פארלוירן, "כ׳האב קוים אנגעהויבן אראפצולייגן וואס באדערט מיר"...

"שווייג!!!" קוויטשעט דער



דאקטער אזש די ווענט האבן געדונערט און פרץ איז פארשוויגן געווארן. "דו ווייסט אז שוין פופצן מינוט וואס איך פרוביר דיר עפעס צו זאגן און דו הערסט אפילו נישט!!??"

פרץ מאכט נאר אויף צוריק זיינע באקציינער, און דער דאקטער הייבט ביידע הענט אין אלארם, "ענטפער מיך נישט פאר איך ענדיג רעדן!!"

"איך האב פונקטליך ארויס דיין פראבלעם, פון וואס שטאמט דיין הארץ שוואכקייט, און אט הארך אויס די רעזולטאטן."

אוי זענען דאס געווען רעזולטאטן... פערל ווערטער וואס פרץ וואלט געמעגט הערן שוין א קנאפע יאר צענדליג צוריק, אבער ער, בעסער געזאגט די וועלט, האט נישט זוכה געווען...

"ווען מ׳זאגט אויף איינעם דו לעמישקע! קען עס מיינען פשוט, ער זאגט אנדערש ווי מיר, אדער אז ער איז קלוגער פון מיר און כ׳פארשטיי נישט וואס ער פארשטייט, צו אין בעסטן פאל, איך צי דו זענען יעצט אויפן מינוט מיד, און די מציאות לאזט נישט האנדלען כדבעי.

אבער אז איינער איז באמת משוגע, געדויערט נישט צענדליגע יארן דאס צו דערטאפן!

דאן איז דא א פשרה! משוגע לאותו דבר. אבער אז משוגע לאותו דבר איז מען אויטאמאטיש משונה ׳נישט משוגע׳ אבער גוט משונה, לכל החיים — ביז מ׳כאפט דעם נגע ביים דופק און מ׳הייבט אן עס פאררעכטן... פארשטייסטו פרץ? ווען די גאנצע וועלט לויפט מזרח און דו לויפסט מערב ביזטו משונה.

דו ביזט גארנישט אזא היפוך בעל הבית, ביזט גאנץ טויגלעד מיט רוב פון דיינע אברים וגידים, און נאך אפילו גאנץ קרעפטיג געבויעט.

נאר וואס דען, ס׳פעלט אמאל אויס א ב י ס ע ל ע פארשטאנד און אביסעלע באלזאם אז די מעכטיגע מאשין וואס הייסט פרץ, וואס איז מלא מדע וחכמה, מלא קראפט און ענערגיע, זאל דרייען דעם מיל, און נישט קראצן שטימפיג אויף די אייגענע לעבן רעלסן, און אויף אנדערע ארומיגע נערווירטע — נאכנישט געהאלפענע...

מיסטער פרץ איר זענט אין געזונט פיין! אבער אין זינען? זענט איר אויף אלע גוים געוואונטשן — זייער א ו נ ט ע ר ש ט ע ל י ג מסודר."

- "וואאאאאאאס?"

"אטא דאס. איר האט ׳אלע׳ קוואליפיקאציעס וואס זאלן אייך פירן אויף א פריילך גליקליך הצלחה׳דיגע לעבן, אבער איר האט זיי נאכנישט ארויסגענומען פונעם ׳רעפער׳ און פונעם שאכטל זינט איר זענט געבוירן אין א שווארצע לבנה׳לאזע נאכט...

כל שחכמתו מרובה ממעשיו, איז ווי א סוכה וואס "כאמטע מרובה מצעלטע". איינער וואס רעדט מער ווי ער טוט, הינקעט אונטער אין הצלחה און סיפוק, ווי א דופן עקומה נאך א שלאקס גשם.

דאס פינטעלע מח דינט אייך פיין, אבער שוין צו פיין...

אנשטאט איר זאלט וויסן וואס איר ווייסט, און זאלט זאגן וואס קיינער אין די וועלט קען נישט, ווייסט נישט, וויל נישט וויסן, וכולהו, איז ליבערשט איר זאלט פארגעסן די נארישע וועלט, זיי פארגעבן זייער לומפער און חושך, און אנצינדן אייער מאטאר און אנהייבן זייען און שניידן סחורה.

האסט א פראבלעם? יא! אבער ס׳כמעט נישט קיין פראבלעם, האסט אין דיין פארמעגן אלע כלים און מעטאדן אז די פראבלעם זאל מארגן מער נישט זיין, על כל פרצוף, נישט אין דיין לעבן.

פרץ הייב דיך אויף, שלונג איין החלטה ווי פעפערמינט סמעטענע! סטארט דיין אייגענעם מאשין, נעם זיך פארן אויף דיינע אייגענע מאטארן, טו אלעס און טאקע שוין יעצט אנגעהויבן קעיר צו נעמען פון דיין אייגן בינטל רמ״ח ושס״ה. אזוי ווערסטו צוביסלעך אנקומען צו געזונט און צו מזל און צו ברכה והצלחה און צו חסד און צו בני...

אנשטאט אפלעבן נאך אפאר צענדליגע יארן און אפשעלטן די טעג און וואכן, איז יעצט א מזל טוב, פרץ הייבט אן לעבן!

גענוג געווען פארנומען מיט׳ן גאנצן יבשה און ים. פרץ איז געבוירן און הייבט אן צו לעבן ס׳אייגענס א לעבן. זאל זיך די וועלט לעבן זייערס, און פרץ עטזעך לעבן ס׳זייניגע!

נישט לאנג, נישט צו שנעל... אבער אויך נישט צו ווייט, עסטו זען הצלחה און מזל, דיין חכמה וועט קוועלן ווי אויף גוטע באצילן, ברענגען פאקטישע אויפטועונגען און נחת פאר אלע ארום, און עסט אליינס נחת שעפן פון א לעכטיגע וועלט.

ס׳זאל זיך לאכן פאר א סיבה, בעסער ווי שעלטן בלי סיבה, פרץ די שטאלץ פונעם בריאה, די סימבאל פון חכמה עם מלאכה, איידער דער אמאליגער פרץ דער קריטיקירער פונעם סביבה, וואס לא עלתה לו אלא רגזנותו, איז דא אן איש האשכולות, מיט אביסל הכנעה צום צורך, אמאל אביסל באלזאם אמאל מיטן מקבל זיין א נייע מהלך מחשבה, און דאס לעבן איז געלעבט!!!"

מיט ס׳לעצט ביסל חיות האט זיך פרץ געהאלטן דאס מויל פארמאכט ווי א קארגער דאס בייטל, ארויס שטיל אן זיין שטענדיגע שטורעם ווינט, און אנגעהויבן לעבן.

היינט קען פרץ זען די ערגסטע עוולות, ווי א יונגערמאן כאפט אוועק די לעצטע האנטוך אין מקוה פאר א ניינציג יעריגער מלחמה איבערלעבער, ווי א פוילישע זשלאבע כאפט ארויס צוקערלעך פון א קינדס האנט, רבנים אן תורה, סוחרים אן סחורה, נגידים אן געלט, און חזנים אן א שטימע, און פרץ שווייגט ווי דאס אדר׳דיג מזל.

אזוי איז זיך פרץ׳ל זוכה אפצועסן נאך עטליכע מנינים אפיקומנ׳ס, לעבט און לאכט, און האט חרטה אויף יעדעס מינוט פון לעבן וואס ער האט פארפאסט מיט קריטיקירן אלץ און אלעמען.

שטילערהייט, אויב לייגט מען צו אן אויער, הערט מען ווי ער זאגט זיך אונטער ס׳פזמוניל, "פרץ, האסט א פראבלעם דערמיט?"

### המספיק אונטער דרייסיג אינטשעס:

# ארײנגעכאפט א שניי־שטורעם אדער "בליזערד", און קורצער ווינטער ב"ה אדורך גלאט און בשלום

שפעט, אבער מיט אלע ביינער. ווינטער-תשע"ו האט זיך שבת קודש לסדר בשלח ארויפגעווארפן אויף ניו יארק רבתי מיט'ן פולסטן קראפט, פאראליזירנדיג שטעט, שאסייען, ביזנעסער, שולעס און אפילו שפיטעלער, אבער נישט אידישקייט.

בתי מדרשים, בתי חינוך און מוסדות צדקה וחסד זענען אלע אנגעגאנגען מיט'ן פולסטן פארע, נישט לאזנדיג די אומשטענדן אפעקטירן מלאכת שמים מער ווי עס מוז, און צווישן זיי המספיק. איבער דעם פולן אויסוואל פראגראמען, האט די אגענטור זאגאר באוויזן צו מאכן א סמעטענע פון דעם טאג, אזש די קינדערלעך פרעגן יעדן טאג, ווען קומט שוין נאך א שניי?

מי שטרח בערב שבת, מיטוואך, דאנערשטאג און פרייטאג האבן אלע מעינטענענס און גרופע-היים מענעדזשערס זיכער געמאכט אז די קאנטראקטן מיט שניי-שאַרער פירמעס זענען 'מאגנא-קארטא', און אז אלע היימען זענען אויסגעשטאט מיט וואסער און עלעקטער על כל קורצשלוס שלא תבוא.

אין המספיק היימען איז דאס קריטיש וויכטיג. אט נעמט צום ביישפיל דער בכור פון די פאמיליע, דער "דינוב אונזערהיים" וועלכעס דינט אלס רעזידענץ פאר הייליגע נשמה'לעך אין גאר הייקעלע גופים. די דארטיגע איינוואוינער זענען אין מערסטנסטייל אנגעוויזן אויף זייערע מאשינען צו אטעמען און דערהאלטן דאס סאמע חיות. דינוב און נאך עטליכע היימען זענען דעריבער אויסגעשטאט מיט טייערע דזשענערעיטער"ס וועלכע טוען די השתדלות די עלעקטעריצעט זאל זיך בס"ד קיינמאל איבעררייסן.


ביים גרענדוויו ברודערהיים אין ראקלענד

מעדיצינען... וואס ליגט אלץ אין דעם ווארט... פארזיכערן אז יעדעס איינציג רעזידענט באקומט טעגליך די ריכטיגע מעדיצין, די באשטימטע דאזע און גענוי אין די באשטימטע צייט איז פון די עבודות קשות שבמקדש. ווען די וועטער סטאנציעס רייסן זיך ביי די נעזער אויב עס קומט א "בליזערד" א פעסטע זאווערוכע, אדער בלויז א געוועגליכע פחות מטפח'דיגע שניי-שטורעמל, דארף מען גיין לחומרא.

ביז ליל שישי האבן די רעזידענשל דירעקטארן ערהאלטן א באריכט פון יעדע היים אין זייערע רעגימענטן אז די מעדיצין שאפעס (אין טייל הייזער — "וואק-אין קלאזעטס") זענען איבערגעקוקט, אלע "ריפילס" באשטעלט און אלע פלעשלעך זענען פול אויף די קומענדיגע פאר טעג.

אין המספיק אוו קינגס קאונטי דעי העב האבן אפאר חשוב'ע בחורים אפגעווארט דעם שניי ווי דעם גרויסן געווינס, און נישט אומזיסט. די געטרייע שטאב מיטגלידער האבן זיי געוואלט מאכן עקסייטעד צום קומענדיגן, איז מען דאנערשטאג אריבערגעפארן צום לאקאלן "האום דיפאו" געשעפט און איינגעקויפט שאוולעך, זאלץ, אייז האקער'ס און קאר-שניי-פיצערס לדורון ולמלחמה. ווען מען האט געזען אז "האום דיפאו" איז שוין אויסגעלאפן פון זאלץ האט מען זיך נישט געפוילט. צוריק אין די ווענס און אריבער צו

(פארזעצונג אויף זייט 33)

### שלוחי מצוה אינן ניזוקין:

# ישיבת תורה וחסד אין ראקלענד דאנקט דעם בורא כל עולמים פאר אפענע ניסים מיט געטרייען שטאב מיטגליד

## מו"ה משה פריעד הי"ו, מגי"ש בישיבה"ק, ארויס אומבאשעדיגט נאך סכנה'דיגע גליטש — דערהויבענע סעודת הודאה געפראוועט ערש"ק יתרו

די גרויסע קאלירטע שילדן "חסדי ד' כי לא תמנו" און "הודו לד' כי טוב" האבן געכאפט דאס אויג באלד ביים אריינקומען צום "באטע" ערב שבת קודש יתרו אין היכל ישיבת תורה וחסד שע"י המספיק אוו ראקלענד טאג פראגראמען.

וואס? ווען? ווער? וואו? צו לאנג האט מען נישט געדארפטווארטן און דער בעל הנס, מו"ה משה פריעד הי"ו, באליבטער מגי"ש אין ישיבה"ק, האט זיך אויפגעשטעלט מקיים זיין דעם "וירוממוהו בקהל עם".

ר' משה איז א לעגענדארער טייל פון די ישיבה שוין רבות בשנים כולן שוין לטובה, נוצנדיג זיינע געבענטשטע טאלאנטן צו יעדע פאסיגע צייט אהערצושטעלן די אטמאספערע. צי מיט זיין שטענדיגע שמייכל אויפ'ן פנים און אויפ'ן הארץ, זיין געדולד, אויער און ווארעמע גלעט, צי מיט טראמפייטער שפילן, זינגען, פארלערנען אדער וואס עס פעלט אויס, איז ר' משה א לייכטטורעם פאר די חשוב'ע בחורים. אצינד האט ר' משה באוויזן נאך א טאלאנט וואס ער באזיצט, דערציילן מעשיות.

אין א רואיגן טאן, קיינעם נישט איבערצושרעקן חלילה, האט ר' משה דערציילט וויאזוי ער איז ארויסגעפארן זונטאג אינדערפרי נאכ'ן שווערן שניי שטורעם פון שבת-מוצ"ש בשלח, פון זיין שטוב אין נייעם חרדי'ישן ישוב "בלומינגבורג" צו די ישיבה אין מאנסי.

אינמיטן סטעיט שאסיי רוט. 17, האט דער קאר פלוצים פארלוירן קאנטראל אינעם שווערן גליטש. ס'האט זיך גענומען דרייען ווי א דריידל און דריי מאל אריינגעזעצט אין די צעמענטענע באריקאדע צווישן די ליניעס, רייסנדיג יעדעס מאל שטיקער פון אן אנדערע זייט פון די קאר. מיט אפענע ניסים וחסדים איז ר' משה ב"ה ארויסגעקומען פון די צוקאליטשטע קאר אן קיין קראץ!

ר' משה איז נאך אפילו אנגעקומען אין ישיבה אין צייט און תיכף אין פולסטן קראפט צו די עבודת הקודש.


ר' משה ביים מקיים זיין דעם ובתוך רבים אהללנו

ווען ר' משה האט ביים סעודת הודאה דערציילט איבער דעם גרויסן נס, האט אים דער עולם קוים געקענט גלייבן. זיין שמייכל און רואיגקייט איז געווען דאס זעלבע ווארעם ווי יעדן טאג! ביז ר' משה האט ארויסגעצויגן פון קעשענע בילדער פון די שווערע שאדנס וואס דער אויטא האט געליטן און ארומגעוויזן פאר די גאנצע חברייא קדישא.

דער עולם האט ספאנטאניש אויסגעבראכן אין א הילכיגן "חסדי ד' כי לא תמנו" לויבנדיג דעם הייליגן באשעפער מיט געזאנג און טענץ אויף זיינע גרויסע חסדים, און וואונטשנדיג ר' משה אויף ווייטער, ער זאל שטענדיג זוכה זיין צו זען אפענע חסדים און ניסים עביגוצבב"א. ■

# שניי-שטורעם אדער "בליזערד", המספיק גייט ב"ה אדורך גלאט און בשלום

(פארזעצונג פון זייט 32 )

"לאוס דעפארטמענט סטאר" און דארט שנעל געכאפט די לעצטע פאר פעקלעך זאלץ.

באוואפנט ביז די ציין און קאמפס גרייט האבן זיי געוואלט דער שניי זאל שוין פאלן פרייטאג, אבער מען האט געמוזט געדולדיג אויסווארטן לכבוד שבת.

ויהי ערב ויהי בוקר, דער שניי האט געלאנדעט און אלעס איז געפארן א מחיי' לויט'ן פלאן, אויסער די קורצשלוסן. די גענעראטאר מאטארן זענען ב"ה שטיל געבליבן צוליב ארבעטסלאזיגקייט.

מוצאי שבת קודש איז ארויסגעקומען די רייזע פארבאט איבער די סיטי.

די ארטיגע המספיק היימען האט עס ב"ה נישט אפעקטירט קיין האר. אלע שפייכלערס זענען געווען אנגעפולט מיט כל טוב וטוב, און ווי זייערע געשוויסטער אין אפסטעיט האבן די חשוב'ע רעזידענטן זיך דערווארעמט מיט הייסע פרישע סעודות מלוה מלכה פונקט ווי יעדע וואך.

ביז זונטאג נאכמיטאג איז די שניי שוין געווען פאכמאניש אוועקגעפוצט פון אלע טרעפ, דורכגענג, פארקינג פלעצער און ארומיגע טראָטואַרן ביי אלע היימען, פראגראם צענטערן און אפיסעס.

די בחורים פון דעי העב אין קינגס קאונטי האבן זעלבסטפארשטענדליך צוגעלייגט א יד מיט א חיות און ברען באנייענדיג די לאפעטעס און אייז האקערס עד בלתי השאיר שריד.

א זיס בילד האט א חבר ארייגעשיקט צו די רעדאקציע פון אקטיווע המספיק ארבעט אין די שניי. מו"ה יהושע וואלדמאן הי"ו, מעינטענענס מענעדזשער אין המספיק און קינגס קאונטי, האט מיט א האנט געפירטע מעכטיגע שניי-בלאזער אויפגערוימט די ארייגענג צו די בארא פארק'ע צענטראלע המספיק אפיסעס.

א לאקאלער פאטאגראפירער האט פאראייביגט בילדער ווי ר' יהושע, שטייגערליך פאר המספיק שטאב אבער נייעס פאר די גאס, האט זיך נישט באגנוגנט מיט'ן דערפילן זיינע פליכטן פאר המספיק שטאב און קליענטעל. מיט המספיק'ס הויפטקווארטיר סטאנציאנירט ביים רוישיגן ווינקל פון די 14'טע און 41'סטע גאסן אין בארא פארק, האט ר' יהושע נישט אפגעלאזט דעם מאשין ביז אפגעפוצטע טראטוארן האבן איבערגענומען די צוויי דריי פיסיגע שניי בערג אויף אלע זייטן ארום, פארזיכערנדיג אלע אדורכגייער פון געפארפולע שניי און אייז.

פון אונטער דרייסיג אינטשיגע שיכטן שניי האט אין הערליכע הארמאניע ארויסגעשטראלט דאס הארץ און ברען פון געטרייע המספיק שטאב מיטגלידער צו העלפן א איד. מי כעמך ישראל!

גייענדיג צום דרוק איז ארויסגעקומען אן אויפדעקונג ווי א טלית נאך עלינו:

די "נאציאנאלע וועטער סערוויס" האט פארעפנטליכט א ספעציעלער באריכט, אז ווי עס שיינט לויט זייערע ערשטע פארשונגען איז דער שניי שטורעם אין ניו יארק סיטי ווארשיינליך יא געווען אן אמת'ער "בליזערד" (א שניי-שטורעם באקומט דעם טיטל "בליזערד" בלויז ווען די שניי פארשטעלט די אויגן פון זען ווייטער ווי א פערטל מייל פאר כאטש דריי שעה און די ווינטן דערגרייכן מינימום 35 מ. פ. ש.). די ארומיגע גלילות האבן בלויז געהאט א שווערע שניי שטורעם. אהא.

אזוי צו אזוי איז אין אלע המספיק היימען און פראגראמען ב"ה געווען לעכטיג אוןווארעם, אור במושבותם. ■


ביים קאנקארד ברודערהיים, וואויל זענען די הענט וואס טוען אליינס...


דער בילד פון ר' יהושע ביי די עבודת הקודש פארנט פון המספיק אין בארא פארק הויפטקווארטיר וואס האט געשאפן דעם געוואלדיגן קידוש השם אין די פרעסע


ביי סאוט 9 שוועסטערהיים אין המספיק-קינגס קאונטי


בס"ד

די בעסטע פלאץ פאר אלע אייערע גרופ-אינשורענס געברויכן

Reliable Brokerage, Inc.
We get you protected.




888.783.6286
רופט היינט פאר אייער אומזיסטע אינשורענס פרייז אפשאצונג
HENRY KELLNER & ASSOCIATES
E-mail us at: info@reliablebrokerage.com
Visit us on the web at: www.ReliableBrokerage.com

## משנכנס אדר אין המספיק:

# מרבים בשמחה תשע"ו לפ"ק





וישיבת תורה וחסד צהלה ושמחה!!
אין המספיק אוו ראקלענד קאונטי דעי העב גרייט מען זיך צום דערהויבענעם יום טוב פורים אויף א פארנעם וואס איז נאכנישט געזען געווארן פון הודו ביז כוש. יעדן טאג איז אן אנדערער משמש בקודש אלס פורים רב, אויף די בילדער ארום קען מען זען, רעכטס: כבוד מעלתו באלאנער רבי שליט"א, אויבן דער פ"ר שליט"א פירט דעם שולה"ט, אונטן בדביקות פאר די תורה, נעבן דעם די חשוב'ע ברודער למשפחת פריעד זענען משמח לכבוד היום, דער פ"ר אין א פייערדיגן ריקוד











ליהודים ליהודים, היתה אורה... אין ישיבת תורה וחסד אין קרית יואל



ושמחה וששון ויקר!



אבער אין שמחה כתורה, זענען די חשוב'ע בחורים געגאנגען מאלן ווייץ "לשם מצות מצוה!"





לכבוד ר"ח אדר אין בעיקערטאון שוועסטערהיים (רעכטס) אין אין המספיק-ראקלענד דעי העב (לינקס)

די עף. די. עי. האט געשאנקען א ברייטערע באשטעטיגונג פאר א פייזער מעדיצין געצילט צו באהאנדלען א זעלטענע 'תולדה' פון לונגען-קענסער פאציענטן מיט אן אייגנארטיגע גענעטישע שטריך.

די אגענטור האט געמאלדן אז "קאלקארי" (KALKORI) קאפסולן זענען יעצט באשטעטיגט פאר פאציענטן מיט די ROS-1 גענעטישע שטריך, וואס באטרעפט אונטער איין פראצענט פון אמעריקאנער פאציענטן מיט ען. עס. סי. לונגען קענסער (גרעסערע קענסער צעלן, גערופן ען. עס. סי. על. סי. – 'נאן סמאל סעל לונג קענסער, די מערסט פארשפרייטע פארעם פון קענסער ל"ע). די מעדיצין נעמט מען צוויי מאל א טאג. עס געהערט צו א נייע דור מעדיצינען וועלכע באקעמפן מחלות דורך צילן ספעציפישע גענעס ("דזשינס") וואס מען טרעפט ביי געוויסע פאציענטן.

*

מעדיקעיר פלאנט אריינצוברענגען נייע מהלכים וויאזוי צו באצאלן פאר מעדיצינען וועלכע ווערן געגעבן אין דאקטער'ס אפיס, אריינגערעכנט געוויסע כימא-טעראפי מעדיצינען. פעטריק קאנווע', מעדיקעיר'ס הויפט מעדיקל אפיציר, האט געמאלדן דעם פאריגן דינסטאג פקודי אז מעדיקעיר פלאנט אנצוהייבן די פראבעס אויף דעם נייעם מהלך שפעטער היי יאר.

וואס דער מהלך זאל נאר נישט זיין, וועט די רעגירונג אבער נישט איינטיילן פאר דאקטוירים וועלכע מעדיצינען צו פארשרייבן.

*

דער דורכשניטליכער קאסט פון 'פרעסקריפשן' מעדיצינען האט זיך געדאפלט במשך די לעצטע זיבן יאר צו איבער $11,000 פער יאר - בערך דריי-פערטל פונעם דורכשניטליכן סך הכל פון א יאר סאושעל-סעקיוריטי בענעפיטן.

*

וואסער איז וויכטיג פאר א גוטן געזונט ווי.... וואסער. אבער צופיל וואסער קען ברענגען נידריגע סאדיום שטאפלען און קען גורם זיין א געפארפולע מחלה גערופן "הייפא-נאטרימיע". אלזא וויפיל וואסער איז א געזונטע מאס צו טרונקען? די לעצטע רעקאמענדאציעס פונעם מאיא קליניק זאגן אז פרויען זאלן צילן אויף 2.7 ליטער א טאג און מענער אויף 3.7 ליטער – דאס איז כמעט א גאלאן. זיי לייגן צו אז יעדע פליסיגקייט קען זיין גוט, אבער מ'זאל האלטן אן אויג איבער די קאלעריעס וואס קומען מיט.

*

די ניו יארק'ע אפעלאט געריכט האט צייטווייליג אפגעשטעלט דאס איינפארסירן די סיטי'ס "זאלץ ווארענונג" געזעץ וואס פארלאנגט פון רעסטוראנטן ארויפצולייגן ווארענונגען אויף מאלצייטן וועלכע זענען הויך אין זאלץ. דאס קומט געציילטע טעג נאכדעם וואס א ריכטער האט אפגעווארפן א פרואוו פון א רעסטוראנטן גרופע אינגאנצן צו פארבאטן די סיטי'ס 'באורד או העלט' פון אויספירן דעם געזעץ.

דער געזעץ, לכאו' די ערשטע פון דעם סארט, באפעלט אז קייט-רעסטאראנטן וועלכע פארמאגן מער פון 15 לאקאלן אין די פאראייניגטע שטאטן מוזן לייגן א בילד פון א "זאלץ מעסטעלע" אין א שווארצן דרייעק אלס ווארענונג אויף די "מעניו ליסטע" נעבן מאלצייטן וועלכע אנטהאלטן איבער 2,300 מ"ג סאדיום – דער טעגליכער מאקסימום רעקאמענדירט דורך אסאך נוטרישאניסטן. דער געזעץ האט געדארפט אריינגיין אין קראפט דעם פארלאפענעם ערשטן אין מערץ, מיט א קנס פון $200 פאר פארלעצער. עס איז נישט קלאר פארוואס דער אפעלאט געריכט האט עס אויף דערווייל אפגעשטופט.

*

"סופער-באגס" – אינפעקשאנס וועלכע זענען שטאנדהאפטיג קעגן געוועגליכע אנטיביאטיק און מעדיצינען, ברענגען איינס פון יעדע זיבן אנטצינדונגען וואס פאציענטן באקומען אין שפיטאל. דאס רעכנט אריין "מורסא" און פינף אנדערע באצילן וועלכע קענעןביישטיין אסאך סארטן אנטיביאטיק.

די "סענטער פאר דיזיז קאנטראל ענד פריווענשן" האט איבערגעזיפט אינפארמאציע פון טויזנטער אמעריקאנע שפיטעלער צווישן '08 און '14, און געזען די שווידערליכע אויבנדערמאנטע רעזולטאטן. "דאס איז זויערע נייעס," האט זיך אויסגעדרוקט אן אהייא סטעיט יוניווערסיטעט פראפעסאר אינעם פעלד פון אנטיביאטיק-רעזיסטענט מחלות. דאס מיינט אז שפיטעלער בלייבן אן מעדיצינען צו באקעמפן געפארפולע אנטצינדונגען ביי פאציענטן וועלכע זענען שוין קראנק.

אנטצינדונגען וועלכע ווערן פארשפרייט אין שפיטעלער איז נישט קיין נייער פראבלעם. די סי. די. סי. שאצט אז יעדן איינציגן טאג באקומט איינער פון יעדע 25 פאציענטן אן נייע אנטצינדונג געכאפט אין שפיטאל. די רעגירונג שטופט שפיטעלער צו מאכן א בעסערע ארבעט צו נידערן די צאל אינפעקציעס, מיט די רעגירונגס מעדיקעיר פראגראם וועלכע שניידט אלפים ורבבות פאר די ערגסטע שפיטעלער.

*

שלאפן צו ווייניג קען אקטיוויזירן כעמישע קאנאלן אינעם מח וועלכע העכערן די גלוסטעניש און געשמאק פון "דזשאנק-פוד" – לויט א קליינע אמעריקאנע שטודיע.

פארשער האבן באמערקט אז א נאכט מיט ווייניג שלאף ווערט נאכגעפאלגט שפעטער אין טאג מיט לענגערע כוואליעס פון די נאטורליכע כעמיקאלן וועלכע קאנטראלירן הונגער און געשמאק. זיי באטראכטן דאס אלס מעגליכער ענטפער פארוואס ווייניג שלאף איז פארבינדן מיט צונעמען וואג.

די שטודיע פירט אויס אז וואס ווייניגער מען שלאפט – אלץ שטערקער ווערט דער אפעקט אויפ'ן מעטאבאליזם פונעם מענטש. גוט צו געדענקען, לייגן זיי צו א דערמאנונג, אז ערוואקסענע מענטשן דארפן צווישן זיבן און ניין שטונדן שלאף פער נאכט.

*

"נקיות אינדרויסן ברענגט נקיות אינעווייניג," האבן צדיקים געזאגט, און אצינד ווערט מען געוואויר אז אפי' אינעווייניג בגשמיות, צו האלטן דעם פארדייאונגס-סיסטעם ריין פון אלעם בייזן, איז א ריינע קאך גאר א גוטע מיטל. אן אנגעלייגטע קאך פלאקערט אויף די "תאות-אכילה".

"ס'איז גרינגער אוועקצוגעבן פינף מינוט אויפצורוימען די קאך ווי 24 שעה זיך שלאגן נישט צו עסן נאשערייען," שרייבט דער פירער פון א שטודיע אדורכגעפירט אין די "עסן לאבערעטאריע" אין אונזער לאקאלע קארנעל.

עס איז געווען אן אינטערעסאנטע שטודיע, אבער די רעזולטאטן האבן קלאר אונטערגעשטראכן אז ווייניגער אנגעלייגט, ווייניגער רוישיג און ווייניגער כאאסישע פלעצער און מצבים, העלפן מענטשן נאשן ווייניגער. "א רואיגע מסודר'דיגע קאך קען העלפן זיך איינהאלטן פון איבערעסן מיט געצוקערטע נאשעריי," פירט די שטודיע אויס. "ווען דאס איז אוממעגליך, טראכטנדיג איבער צייטן ווען מען איז געווען אין קאנטראל און זיך געשפירט געשמאק מיט זיך, העלפט אויך זיך איינהאלטן פון איבערעסן." ■


פארוואס זאל אייער קינד
**ליידן פון ADHD?**

ווען איר קענט אים העלפן
**וואקסן דורך ADHD!**

**א היימישער ADHD COACH וועט ארבעטן מיט אייך:**

1 בעסער צו פארשטיין אייער קינד'ס ADHD, און קענען זיין רוהיגער צו אים.

2 צו האבן די קלארקייט און זיכערקייט ווען איר טוט ריכטיג (און ווען נישט).

3 אריינצוברענגען פארשטענדעניש צווישן די משפחה מיט'ן קינד.

4 צו ווערן קלאר וואס איז אפעקטיוו פאר'ן קינד, און דאס ניצן אויך אין אנדערע געביטן.

**אברהם יוסף ברייער**
**ADHD COACH**
Trained at the **ADD C**oach **A**cademy *
**845.459.3164**

ADHD Coaching איז א פראצעס וואס אינאיינעם מיט די עלטערן גייט מען דורך דעם קינד'ס מעגליכקייטן און שאיפות, קלאר צו ווערן אין זיינע שטארקייטן און שוואכקייטן. אזוי טוט מען בס"ד טרעפן דעם לעבנ'ס-מהלך צו ניצן די אויסערגעוועגליכע ADHD שטארקייטן אנצוקומען וואו "נאר ער" קען!

* **ADDCA** is known as the gold standard in credentialing ADHD coaches.



המספיק
מרכז עזרה לצרכי הציבור
HAMASPIK
CENTER FOR HUMAN SERVICES

כסא דנחמתא

הננו בזה לשגר נטפי תנחומין אל מע"כ

מו"ה חיים מאיר לוריא הי"ו

די. עס. פי. און נאכט שטאב, פארשעי ברודערהיים, המספיק און ראקלענד קאונטי

המתאבל על פטירת אביו הרה"ח מו"ה יוסף ארי' לוריא ע"ה

המקו' ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים



המספיק
מרכז עזרה לצרכי הציבור
HAMASPIK
CENTER FOR HUMAN SERVICES

כסא דנחמתא

הננו בזה לשגר נטפי תנחומין אל מע"כ

משפחת שפירא הנכבדה

היושבים בעמק הבכא על פטירת בנם היקר

הבה"ח שמואל אפרים ע"ה

ישיבת תורה וחסד, המספיק און קינגס קאונטי

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

# פרישע הויז רענאוואציעס אין קרית יואל איפ׳ן וועג דורך ״המספיק״ - עקסעס טו האום

**המספיק באשטימט אלס אויסשליסליכע פראווייַדער איבער ארענדזש קאונטי - גרויסע אפרוף צו מאכן הייזער צוגענגליך פאר עלטערע און מענטשן מיט דיסעביליטיס - א טריט פאראויס צו סערווירן אויף ״די גאלדענע יארן מיט א גאלדענעם טאץ״**



מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די נייעס אין גאנץ ארענדזש קאונטי, אריינגערעכנט קרית יואל און די אנעקסירטע גלילות (האפנטליך בקרוב בס״ד), אז המספיק האט נארוואס אנגעהויבן א פרישע פאזע פון הויז רענאוואציעס, צו העלפן עלטערע מענטשן אדער אזעלכע מיט דיסעביליטיס באקומען בעסערע צוטריט צום הויז און באקוועמליכקייט אין שטוב זעלבסט.

פאר דעם צוועק, האט המספיק במשך די פארלאפענע מאנאטן אונטערגענומען שתדלנות צו געווינען די נויטיגע רעגירונגס באשטעטיגונגען דערפאר. נאכ׳ן דורכגיין די ביוראקראטישע פראצעדורן ביי די אלבאני און לאקאלע ביוראען, איז געקומען די גוטע נייעס אז המספיק האט ב״ה געווינען דעם גרענט, און עטליכע פראיעקטן פון פארעכטן הייזער וועלן זיך בס״ד בקרוב ארויסלאזן אין שוואונג. תכלית טרקלין ופלטרין ביז הרי אתה בן חורין.

לויט ווי עס גיבט איבער מו״ה שלמה דוד דאסקאל הי״ו, טעכנאלאגיע, טראנספארטאציע און ״עקסעס טו האום״ דירעקטאר ביי המספיק אין ארענדזש קאונטי, איז דא א וואקסנדער פארלאנג צו געניסן פון די מעגליכקייטן דורך די קרית יואל איינוואוינער. עס זענען שוין אריבער עטליכע יאר זייט די סטעיט האט געגעבן אזעלכע גרענטס, און דעריבער איז די פרייד דערמיט נאך גרעסער.

די למעשה׳דיגע סומע געלט אינעם גרענט איז גראדע היבש אן ענגער, בלויז א מינימאלע צאל אפליקאנטן וועלן קענען געניסן דערפון, אבער ר׳ שלמה דוד איז שוין באריםט מיט זיין רעפוטאציע צו אהערשטעלן די בעסטע ארבעט אויפ׳ן מערסט-שפארזאמען אופן, צו קענען דאדורך ענטפערן דאס מאקסימום און נאך מער הילפס-רופן דורך די איינע גרענט.

״עקסעס טו האום״ איז נאך אן איידלשטיין אינעם קרוין פון די אגענטור אלס ״מרכז עזרה לצרכי הציבור״ געצילט צו אדרעסירן די האוזינג געברויכן פון באטרעפנדע משפחות אין איינקלאנג מיט די וואקסנדע ענערגיע און פאזיטיווע אנטוויקלונגען וואס המספיק טוט אפצייכענען אויף מערערע געביטן פון העלט און יומען סערוויסעס.

טעכניש איז ״עקסעס טו האום״ א פראגראם וואס העלפט מענטשן מיט דיסעביליטיס אדער שוואכקייטן צו באקומען בעסערע צוטריט ביי זיך אין שטוב דורך א ״רעמפ״, א ״ליפט״, גענצליך איבערבויען די באדע-צימערן, ווילטשעיר-צוגענגליכע שאפעס און קראנען אין קאך, פארברייטערן די קארידארן, און אפילו קלענערע זאכן וואס מאכן דעם גרויסן חילוק, ווי הענטלעך ארום די שטוב זיך אנצוכאפן, אא״וו. פאר די וואס דארפן צוקומען דערצו, איז עס ממש ווי א מלאך המושיע פון הימל. די אלטערנאטיוון זענען געוועגליך אריינגיין אין ״נוירסינג האום״ אדער בלייבן פארשפארט אין שטוב. מיט ״צוטריט צום שטוב״ קען מען אויסלעבן די גאלדענע יארן אויף א גאלדענעם טאץ. מלך במלוכה.

די פארשריפטן פון די סארט המספיק פראגראמען זענען נישט איינציג. יעדע פאר זיך איז געוואנדן אין אנדערע איינצלהייטן, ווי געזונט צושטאנד, וואוין ארט, ערנסטקייט פון דיסעביליטי (דארף זיין באשטעטיגט דורך א דאקטער אלס פערמענאנט רח״ל), איינקונפט, אייגענטום פון הויז, אא״וו. אויסערדעם, אויב די דירה איז א געדונגענע, דארף דער בעה״ב אונטערשרייבן אחריות ביי די קאונטי אז ער וועט עס שיין האלטן און אז אויב דער אפליקאנט אדער זיין משפחה וועט זיך ארויסציען פון דארט פאר פינף יאר, וועט ער ו י י ט ע ר פארדינגען די דירה פאר אן אנדערן וועלכער איז בארעכטיגט דערצו לויט די פארשריפטן.

אלעס הייבט זיך אבער אן מיט א טעלעפאן רוף צו המספיק, און פון דארט וועט די אגענטור אייך שוין העפליך באגלייטן ווייטער מיט אלע דאקומענטאציעס און ביוראקראטיע ביז צום פרייליכן ״השלם זה הבנין״ בס״ד. המספיק פרובירט אין יעדן פאל צו ארגאנזשירן די בעסטע הילף מ ע ג ל י כ ק י י ט ן וואס זענען געאייגנט פאר די ב א ט ר ע פ נ ד ע משפחה און די א ו מ ש ט ע נ ד ן ארום. אויך איז מעגליך אז מען דארףווארטן א לאנגע צייט ביז די רענאוואציע פלאן ווערט ב א ש ט ע ט י ג ט דורך די סטעיט אינסטאנצן, מען גלייכט זיך אויס אויף די ליציטאציע צווישן קאנטראקטערס, באשטימט און פלאנירט די בעסטע פאררעכטונגען לויט׳ן פאל, א זאך וואס קען דויערן וואכן, געוואנדן לויט די ארבעט.

מיט יארן ערפארונג אין דעם געביט, פריידט זיך די אגענטור מיט די ליסטע פון בלע״ה הונדערטער משפחות וועלכע האבן שוין גענאסן פון די פראגראמען – זעענדיג דעם ניידן אדער באבן באפרייט ב״ה צו קענען גיין און קומען אויף שמחות געזונטערהייט.

גייענדיג צום דרוק איז דער קאנטראקט צווישן המספיק און די סטעיט אויפ׳ן וועג צוריק קיין אלבאני. אויב עס וועט אדורכגיין די סטעיט ביוראקראטיע מיט גאנצע ביינער, זאגט ר׳ שלמה דוד, דאן וועט מען בעז״ה שוין קענען ארויסשיקן די אפליקאציעס באלד נאכ׳ן יום טוב פורים הבעל״ט.

צו הערן מער וועגן ״עקסעס טו האום״ אין קרית יואל, רופט ר׳ שלמה דוד אויף 845-774-0354.

בלייבט נאר איבער צו וואונטשן אז אלע אידן זאלן זיין געזונט און שטארק ביז אריבער די הונדערט און צוואנציג אויף די אייגענע פיס און שטיגן, און נישט דארפן צוקומען צו קיין שום סערוויסעס און פראגראמען. און וואס וועט זיין מיט׳ן גרענט, פרעגן מיר ר׳ שלמה דוד׳ן, אהה... נישט גע׳דאגה׳ט. גענוג שאינם מבני ברית איבער די גאנצע קאונטי וועלן עס גערן אנעקסירן. ■


מיר זענען די אדרעס
פאר אלע אייערע ׳עקסעל׳ ארבעט

שטייט איר פאר
חתונה מאכן א קינד
אדער בר מצוה ?

שטייט איר פאר
ארגעניזירען א דינער
אדער מלוה מלכה ?

שטייט איר פאר
שיקן א צדקה מעילינג
ליסט פאר נגידים ?

מיר וועלן טייפן אייער ליסט אויף עקסעל
זייער שנעלע סערוויס און פאר גאר ביליג

אויך שטעלן מיר צו די סערוויס פון ארויס פרינטען די ליסט אויף
סטיקערס און דאס ארויף קלעבן אויף ענוועלעפס

רופט 347-762-1718
אדער שיקט א אימעיל צו
yaw.excel@gmail.com

אויך קען מען ביי אונז באקומען אויף עקסעל א ליסט
פון די גאנצע שטאט מאנסי און שיכון סקווירא

און א ליסט פון אלע קהילות און מאנסי אויף עקסעל
(ווי וויזשניץ סאטמאר בעלזא פאפא סקווירא צאנז קלויזענבורג וויזניץ בני ברק
ניקלשבורג ראחמיסטריווקא וויען סלאנים באיאן חב"ד גור און נאך.)

לייג אוועק אונזער נאמבער, קען זיין איר וועט
דאס דארפן שפעטער 347-762-1718